בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

# דֶער קְוַואל פוּן אֱמוּנָה

שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּרִים, גֶעזָאגְט גֶעוָואְרן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדֻשַּׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וְוִי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וְוִי אַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם

## סֵדֶר בַּמִּדְבָּר תשע"ב לפ"ק

גֶעבּוֹיעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָּדוֹשׁ

## רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים,
אוּן מַאֲמָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא
אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**מתיבתא היכל הקודש**
Mesifta Heichal Hakodesh
1129-42nd Street
Brooklyn NY 11219

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**מרכז היכל הקודש דחסידי ברסלב וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
287 Hewyard Street
**347-563-4044**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
79 Decatur Avenue.
**347-243-2992**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בנשיאות כ"ק מוהרא"ש שליט"א
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site: www.breslevcity.co.il**

לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at:**

**amazon.com** or at: **mohorosh.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-481-3321**

# מַפְתֵּחַ


1) אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד............ א

2) לֶעבּ מִיטְן מְצִיאוּת ........... לה

3) אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת............ סז

4) טוּה אִיךְ גוּט?! ............. צז

5) דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט קַיין בַּארְג. . קכה

6) אַ גוּטֶער מָאלֶער ............ קנה

7) עֶס וֶועט זַיין גוּט ........... קפא

# אַ שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תְּפִלָּה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וֶוען וֶועל אִיךְ אוֹיכֶעט זוֹכֶה זַיין אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אַ מַסֶכֶת און דָאס מְסַיֵים זַיין? וָוארום עֶס גֵייט מִיר אַוֶועק טֶעג און נֶעכְט מִיט שְׁטוּתִים און הֲבָלִים און אִיךְ לֶערְן נִישְׁט קַיין גְמָרָא. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶן מַיין טַייעֶרֶע צַייט, וָוארום דוּ אַלֵיין וֵוייסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פון מְסַיֵים זַיין אַ מַסֶכֶת. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אַ מַסֶכֶת און לֶערְנֶען אֵיין דַף נָאכְן אַנְדֶערְן, און נִישְׁט צוּרִיק גֵיין, נָאר מַקְדִים זַיין אַ דַף נָאךְ אַ דַף בִּיז אִיךְ וֶועל מְסַיֵים זַיין דִי גַאנְצֶע מַסֶכֶת, דֶעמָאלְטְס וֶועל אִיךְ קֶענֶען צֶעבְּרֶעכְן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם, וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פון צַדִיקִים אַז זַיין טָמֵא'דִיגֶע נָאמֶען אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ס'יוּם מַ'סֶכֶת אֶ'ין לַ'עֲשׂוֹת, עֶר לָאזְט נִישְׁט מַאכְן קַיין סִיוּם, וָוארום עֶר וֵוייסְט אַז וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה און עֶר אִיז מְסַיֵים אַ מַסֶכֶת אִיז מֶען מְבַטֵל דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אִינְגַאנְצְן. אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, נָאר אִיךְ אַלֵיין זָאל זוֹכֶה זַיין אָנְהוֹיבְּן אַ מַסֶכֶת און לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט בִּיז אִיךְ וֶועל מְסַיֵים זַיין דִי גַאנְצֶע מַסֶכֶת, און דוּרְכְדֶעם זָאל אִיךְ אוֹיסְרַייסְן פון מִיר דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס עֶר ווִיל מִיךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶן אִין עַצְבוּת און מָרָה שְׁחוֹרָה און אַז אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג טְרַאכְטְן פון יֶענֶעם; אִיךְ בֶּעט דִיךְ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, און אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף יֶענֶעם, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין מִיט יֶענֶעם נָאר אִיךְ זָאל זֶען זִיךְ צוּ פַארֶערְכְטְן

**(אשר בנחל חלק א' מכתב ו)**

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וְויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת בְּהַעֲלֹתְךָ תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ, אַ וואוּנדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

יֶעצְט הָאט אִיר פַּאר זִיךְ אַ קְלָארְן בִּילְד וָואס אִיז בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת: נָאר לֶערְנֶען אוּן חַזֶרְ'ן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן מְקַיֵים זַיין בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת זַיינֶע וֶוערְטֶער, נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען אוּן נִישְׁט צוּלֵייגְן; לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן מְקַיֵים זַיין וָואס מֶען לֶערְנְט; אוּן אוֹיךְ יֶעדְן טָאג אוֹיסְרֶעדְן זִיךְ דָאס הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, אוּן זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן אוֹיבּ מֶען פִירְט זִיךְ ווִי אַ אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן, אָדֶער חָלִילָה נִישְׁט. אַ אִיד דַארְף לֶעבְּן מִיט חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אוֹיבּ מֶען ווִיל פָּאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זי"ע, בַּאדַארְף מֶען נָאר לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן מְקַיֵים זַיין וָואס עֶר הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זי"ע הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שִׂיחָה ע"ו, מֶען קֶען נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט צוּלֵייגְן, דָאס אִיז דָאס.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ד' מִכְתָּב תס"ג)

# אַ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד

### א.

אִיךְ ווִיל דַאנְקֶען דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז מֶען קֶען צוּרִיק אָנְהֵייבְּן דֶעם שִׁיעוּר, כָאטְשׁ אִיךְ דַארְף נָאךְ הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים וַוייל אִיךְ פִּיל זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר שְׁוַואךְ וְכוּ׳, אָבֶּער חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז מֶען קֶען זִיךְ צַאם קוּמֶען רֶעדְן אַבִּיסְל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן וָואס דָאס אַלֵיין אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער הִתְחַזְקוּת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַלֶע דִיבּוּרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זי״ע אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען נָאר פוּנֶעם הֵיילִיגְן

רֶבִּי״ן, כָאטְשִׁיג דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ מַחְלוֹקֶת אֲפִילוּ פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט, וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן, אוּן זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען סְתַּם מֶענְטְשְׁן, נָאר בַּעֲלֵי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ תַּלְמִידִים פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִיקִים. לְמָשָׁל רֶבִּי יוּדְל זצוק״ל אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זי״ע, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אִים זֵייעֶר מַפְלִיא גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תקנג): ״אַשְׁרֵי הָעֵינַיִם שֶׁרָאוּ אֶת רֶבִּי פִּנְחָס״ ווארויל זֶענֶען דִי אוֹיגְן וָואס הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי פִּנְחָס. אוֹיךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַמָאל גֶעזָאגְט: רֶבִּי פִּנְחָס אִיז גֶעוֶוען אַ ׳חַד בְּדָרָא׳ אִין זַיין צַייט. אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי״ן נָאךְ גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים לוֹמְדִים אוּן עוֹבְדֵי הַשֵּׁם, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אַלֵיין אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס.

הָאט מֶען אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מֶער פוּן אַלֶע תַּלְמִידִים? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: יֶעדֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז עֶפֶּעס, נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מֶער, אָבֶּער וֶוען

אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעהוֹילְט דֶעם קָאפּ אִינְגַאנְצְן, אוּן גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ וֵייס נִישְׁט גָארְנִישְׁט, נָאר וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַ דִבּוּר אִיז דָאס אַ שְׁטִיק שֵׂכֶל, נָאךְ אַ דִבּוּר אִיז דָאס נָאךְ אַ שְׁטִיק שֵׂכֶל. אִיז דָאךְ אַוַדַאי הַיינְט אַז מִיר הָאבְּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס סְפָרִים: לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, סֵפֶר הַמִּדּוֹת, שִׂיחוֹת הָרַ״ן אוּן חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן; דַארְף מֶען וויסְן אַז וָואס עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין דִי סְפָרִים אִיז אַלֶעס שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיין דִמְיוֹן, אָבֶער וָואס עֶס שְׁטֵייט יָא אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס סְפָרִים, דַארְף מֶען אַוֶועק לֵייגְן דֶעם שֵׂכֶל, אוּן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַ דִבּוּר דַארְף מֶען דָאס מְקַיֵּים זַיין בִּיזְן סוֹף. לְמָשָׁל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ב): אִיךְ הָאבּ זִיךְ נוֹהֵג גֶעוֶוען, אַז וֶוען דֶער טָאג אִיז גֶעקוּמֶען הָאבּ אִיךְ צוּגֶעבִּינְדְן דֶעם טָאג צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דֶעם טָאג צוּ דִיר, אוּן אִיךְ וֶועל זִיךְ דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג פִירְן אַזוֹי

וִוי דוּ ווילְסְט, און אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אַגַאנְצְן טָאג גֶעוואוּסְט אַז אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דֶעם טָאג צוּם בַּאשֶׁעפֶּער, דָאס זֶעלְבֶּע וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ שַׁבָּת אָדֶער אַ יוֹם טוֹב הָאבּ אִיךְ דָאס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם בַּאשֶׁעפֶּער אַז עֶס זָאל זִיךְ פִּירְן אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶּער ווִיל; דַארְף מֶען זֶעהְן דָאס מְקַיֵּים צוּ זַיין, און אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען מְקַיֵּים זַיין אַלֶע שִׂיחוֹת מִיט תְּמִימוּת און פְּשִׁיטוּת, און אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אוֹיף דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן בֶּעטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט אִין דִי הַקְדָמָה פוּן לִקוּטֵי תְּפִלּוֹת: אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס סְפָרִים אִיז פַארְהַאנֶען וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת, אָבֶּער כְּדֵי דָאס צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דַארְף מֶען עֶס בַּאוַואסֶערְן מִיט תְּפִלָּה; דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן מֶען זָאל דָאס קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין, און זִיךְ קֶענֶען וֵוייקְן אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּין׳ס דִבּוּרִים.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז לְגַבֵּי הִתְחַזְקוּת אוֹיכֶעט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ג): מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן, גָא-ט אִיז גְרוֹיס, מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, עֶס טוּעֶן זִיךְ אַזַאלֶעכֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אוּן אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעטוּעֶן וָואס מֶען הָאט גֶעטוּעֶן קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן נֵיי, נָאר נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן מִתְפַּלֵל צוּ זַיין אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: דֶער תְּמִימוּת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז עָמוֹק עָמוֹק מִי יִמְצָאֶנוּ. דֶערְפַּאר אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער מֶענְטְשְׁן זָאלְן קֶענֶען אָנְנֶעמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס דִבּוּרִים, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אָן אַ אוֹיסְנַאם הָאט אִין זִיךְ אָנֹכִיוּת [יֵשׁוּת וְגֵאוּת], דָאס הֵייסְט ׳אִיךְ׳ אוּן נָאכְאַמָאל ׳אִיךְ׳. אֲפִלוּ אַ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע הֵייבְּט שׁוֹין אָן מִיט ׳אִיךְ׳ ׳אִיךְ׳, עֶר סְטְרַאשֶׁעט: ׳מַיין׳ טַאטֶע אִיז אַ פָּאלִיסְמַאן, ׳מַיין׳ טַאטֶע וֶועט דִיר קוּמֶען הַרְגְ׳נֶען, ׳מַיין׳ טַאטֶע וֶועט דִיר שְׁלָאגְן, אוּן וֶוען עֶר וֶוערְט גְרֶעסֶער זָאגְט עֶר

שׁוֹין: ׳אִיךְ׳ וֶועל דִיר שְׁלָאגְן ׳אִיךְ׳ בִּין שְׁטֶערְקֶער, אַלְץ דֶער ׳אִיךְ׳, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט דֶעם, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין אִיךְ – קַיין אֲנִי, אֲנִי אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אֲנִי אִיז דִי אוֹתִיוֹת אַיִן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כב): **אֲנִי אִיז דִי נְשָׁמָה.** אוּן דִי נְשָׁמָה אִיז אַ חֵלֶק אֱלוֹקַ מִמַּעַל, נָאר דֶער גוּף פַארְדֶערְקְט עֶס, אוּן דָאס אִיז דֶער יֵשׁוּת וָואס אִיז דָא אִין יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נב): אַ אִיד זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, זָאל עֶר נָאר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר זָאל נֶעמֶען אֵיין מִדָה נָאכְן אַנְדֶערְן אוּן אוֹיסְבֶּעטְן דָאס צוּ קֶענֶען צוּבְּרֶעכְן, בִּיז מֶען צוּבְּרֶעכְט אַלֶע מִדוֹת אוּן מֶען הָאט שׁוֹין נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, דָאךְ בְּלַייבְּט עֶפֶּעס אִיבֶּער ׳אַבִּיסֶעלֶע׳. וָואס אִיז דֶער ׳בִּיסֶעלֶע׳? דָאס גֵאוּת אוּן דָאס יֵשׁוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַייזִיקְ׳ל קָאמַארְנֶער

זי״ע בְּרֶענְגְט (נְתִיב מִצְווֹתֶיךָ, בְּהַקְדָּמָה) אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב׳ס נְשָׁמָה אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיטְן פָּסוּק (תְּהִלִּים לו, יב): ׳אַל תְּבוֹאֵנִי רֶגֶל גַּאֲוָה׳, אוֹיךְ בַּיים אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ אִיז אַזוֹי אַרוֹיס דִי נְשָׁמָה. אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל (דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם, בִּלְקוּטִים): אַז עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אוֹיפְן שׂוֹיס פוּן זֵיידְן דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ אַלְץ קְלֵיין אִינְגֶעלֶע, הָאט דֶער זֵיידֶע אִים אַמָאל גֶעזָאגְט: זֶעהסְט, דָא זִיצְט אַ אִיד וָואס הֶערְט תּוֹרָה לֹא מִפִּי מַלְאָךְ וְלֹא מִפִּי שָׂרָף נָאר פוּן הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אַלֵיין, אוּן עֶר הָאט מוֹרָא יֶעדֶע מִינוּט עֶר זָאל נִישְׁט אַרַיין פַאלְן בְּנוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא.

אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט: אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אוּן וֶוער אִיז יָא, דֶער בַּאשֶׁעפֶער! דֶעמָאלְט אִיז עֶר שׁוֹין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, אוּן דָאס הֵייסְט עֲלִיַּית הַמַלְכוּת לְשָׁרְשָׁהּ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א, סִימָן ד), אִיךְ בִּין מְקַבֵּל אוֹיף מִיר עוֹל מַלְכוּת דִקְדוּשָׁה, דָאס הֵייסְט אִיךְ וֵוייס נִישְׁט גָארְנִישְׁט, נָאר אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס חַזֶר אִיךְ שְׁטֶענְדִיג. אָבֶער וִויבַּאלְד

דֶער גוּף פַארְדֶעקְט דִי נְשָׁמָה, וֶועגְן דֶעם טְשֶׁעפֶּעט אֵיין מֶענְטְשׁ דֶעם אַנְדֶערְן.

אִין דִי שְׁטָאט טְשֶׁערִין, הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אַסַאךְ בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חֲסִידִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶועזְן רֵייכֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַ עוֹשֶׁר אִיז אַן עַזוּת פָּנִים, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יח, כג): **עָשִׁיר יַעֲנֶה עַזּוֹת**. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן סד): אַ עוֹשֶׁר אִיז אַ מְשׁוּגֶעגֶער. אוּן דִי דֶרֶךְ פוּן עֲשִׁירִים אִיז, אַז זֵיי ווִילְן אַלֶע זִיצְן אוֹיבְן אָן, אָבֶּער וִוי אַ גְרוֹיסֶער אוֹיבְן אָן קֶען מֶען דֶען מַאכְן? הָאט מֶען זִיךְ גֶעשְׁטוּפְּט דָארְטְן, אוּן וִוי גֶעוֶועגְלִיךְ הָאבְּן זִיךְ עֲשִׁירִים פַּיינְט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן צוּלִיב קִנְאָה, פְלֶעגְט דֶער טְשֶׁערִינֶער רָב זָאגְן: דִי גוּפִים זֶענֶען אַזוֹי נָאנְט, אָבֶּער דִי הֶערְצֶער זֶענֶען אַזוֹי וַוייט.

### ב.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נא): דָאס זָאלְט עֶטְץ מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר עֶטְץ זָאלְטְס עֶנְק נִישְׁט לָאזְן נַארְן. אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד,

עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מַאכְט עֶר זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן טו): אַז הִתְבּוֹדְדוּת אִיז אַ עִנְיָן פוּן מִשְׁפָּט, אַז מֶען מִשְׁפָּט זִיךְ: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וִוי אַזוֹי זֶעהְט אוֹיס מַיין שַׁחֲרִית? וִוי אַזוֹי זֶעהְט אוֹיס מַיין מִנְחָה? וִוי אַזוֹי זֶעהְט אוֹיס מַיין מַעֲרִיב? וִוי אַזוֹי פִיר אִיךְ זִיךְ אוֹיף מִיט דִי הַנְהָגָה? מִיט יֶענֶע הַנְהָגָה? אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ דָאס בְּרֶענְגְט אִים דִי יִרְאָה, אוּן דָאס אִיז תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל עֶס אִיז דָא צֶען לְשׁוֹנוֹת פוּן תְּפִלָּה (מִדְרָשׁ רַבָּה דְבָרִים, פַּרְשָׁה ב, סִימָן א). דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זי״ע בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר ׳שַׁעַר הַתְּפִלָּה׳ [וָואס אִין דֶעם סֵפֶר רֶעדְט עֶר פוּן דִי צֶען לְשׁוֹנוֹת הַתְּפִלָּה,] אַז חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ אִיז אוֹיךְ אֵיינֶע פוּן דִי לְשׁוֹנוֹת הַתְּפִלָּה, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַן אַנְדֶערֶע סָארְט יִשּׁוּב הַדַּעַת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רכח): מֶען קֶען זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד אָן הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיךְ, אָבֶער אִיךְ רוּף זֵיי אָן פְּלֵיטֶעס, צוּדְרֵייטֶע, מְבוּהָל וּמְבוּלְבָּל. וַוייל אָן הִתְבּוֹדְדוּת הָאט מֶען נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת,

מֶען טוּט אַלֶעס צוּפְלוֹיגֶענֶערְהֵייט, מֶען טַאנְצְט, מֶען שְׁפְּרִינְגְט, אוּן מֶען אִיז פָּשׁוּט אַ צוּדְרֵייטֶער, אוּן מֶענְטְשְׁן רוּפְן דָאס נָאךְ אָן אַז מֶען אִיז אַ עוֹבֵד, אָבֶער אַז מֶען הָאט דֶעם יִשּׁוּב הַדַּעַת, דַארְף מֶען נִישְׁט טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, מֶען קֶען זִיצְן שְׁטִיל, אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה. דֶערְפַאר קֶען דִי וֶועלְט זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְנֶעמֶען דֶעם עִנְיָן פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט וָואס הֵייסְט אִיךְ זָאל זִיךְ אַוֶועק זֶעצְן אוּן רֶעדְן? אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס לִיגְט אִין דֶעם מוֹרָא׳דִיגֶע כְּפִירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן דִי אֶמֶתְ׳ע אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, וָואלְט אִים נִישְׁט שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, נָאר וַוייל עֶס פֶעלְט אִין דִי אֱמוּנָה, פֶעלְט אִים אוֹיךְ דָאס רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פַארְוָואס הָאט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה? וַוייל דֶער הַארְץ אִיז אִים אָנְגֶעלֵייגְט מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דִי עֵצָה צוּ דֶעם אִיז אַז

מֶען זָאל לֶערְנֶען שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִיז בְּחִינַת מִשְׁפָּט (עַיֵּין שָׁם).

און מֶען דארְף זֶעהְן מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיף דֶעם מוֹרָא'דִיג מַקְפִּיד גֶעוֶוען, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כט): יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אֲפִילוּ נָאר אֵיין דִין. וַוייל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער יְסוֹד נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן אַ סְעִיף קָטָן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, און בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַז אִין דֶעם תְּפִלִּין בַּייטְל אִיז גֶעוֶוען אַ שֻׁלְחָן עָרוּךְ הַקָּטָן, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען גֶעדְרוּקְט נָאר מְחַבֵּר רַמָּ"א.

און וָואס אִיז טַאקֶע דֶער אוֹיפְטוּה פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַזוֹי פַארְלֵייגְט אוֹיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ? נָאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד און רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, קוּמְט עֶר צוּ אַ בְּחִינַת בִּטּוּל אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נב),

קֶען דָאס אָבֶער זַיין מְסוּכָּן אוֹיכֶעט, וַוייל שַׂ״ץ יִמַח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ אִיז אוֹיכֶעט גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם וֶועג אוּן גֶערֶעדְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, הָאבְּן זֵיי אָבֶער נָאכְדֶעם גֶעטוּעֶן כָּל דָבָר אָסוּר אוּן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ נִאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן צוּ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע הֶפְקֵרוּת.

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹי מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף שֻׁלְחָן עָרוּךְ, וַוייל וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶערֶעדְט אַסַאךְ וֶועגְן הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן זַיין בָּטֵל צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בָּטֵל צוּם בַּאשֶׁעפֶער פַארְלִירְט עֶר דֶעם גַאנְצְן חוּשׁ, אוּן אוֹיבּ אַזוֹי מֶעג מֶען שׁוֹין טוּעֶן אַלֶעס אוֹיף דֶער וֶועלְט, וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, אוּן מֶען דַארְף וִויסְן אַז מֶען טָאר נִישְׁט רִירְן דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, נָאר יֶעדֶע זַאךְ זָאל זַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אִינְגַאנְצְן לוֹיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ.

דֶער וֵוייצֶענֶער רָב פוּן שִׁיקַאגָא זי״ע, הָאט נָאכְגֶעזָאגְט פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי שְׁלֹמֹה בָּאבּוּבֶ׳ער זי״ע, אַז מֶען זֶעהְט אַן אִינְטְרֶעסַאנְטֶע זַאךְ: אִין אוֹרַח

חַיִים, יוֹרֶה דֵעָה, אֶבֶן הָעֶזֶר, אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי ׳פְּשָׁרָה׳, עֶס אִיז נָאר דָא גְרָאדֶע הַלָכוֹת, אָבֶּער אִין חוֹשֶׁן מִשְׁפָּט אִיז דָא פְּשָׁרוֹת, ווַייל בֵּין אָדָם לַמָקוֹם אִיז נִישְׁטָא קַיין פְּשָׁרוֹת, אוּן אַז עֶס אִיז שְׁווֶער, בֶּעט מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מֶען זָאל דָאס קֶענֶען מְקַיֵים זַיין, אָבֶּער בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ דָארְטְן אִיז שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן פְּשָׁרוֹת אַז אֵיינֶער זָאל נָאכְגֶעבְּן פַּאר אַ צְוֵוייטְן.

בַּיי אִידְן ווֵייסְט מֶען אַז מֶען דַארְף זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט פוּן גוֹיִם אוּן פוּן גוֹי׳אִישֶׁע מִנְהָגִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן קעח, סְעִיף א), אוּן אַז אַ גוֹי גֵייט אַזֶעלְכֶע שִׁיךְ דַארְף מֶען גֵיין מִיט פַארְקֶערְטֶע שִׁיךְ, אוּן אַז דֶער גוֹי טְרִינְקְט אַזוֹי, ווֶעל אִיךְ טְרִינְקֶען אַנְדֶערְשׁ, ווַייל אִיךְ בִּין אַ אִיד בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אַ אִיד דַארְף זַיין אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַ גוֹי, אוּן ווָאס דֶער גוֹי טוּט, מַאךְ אִיךְ פַארְקֶערְט, דָאס אִיז אוּנְזֶער מִצְוָה.

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן נא): אֶת זֶה תְּקַבְּלוּ מִמֶּנוּ - דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, עֶטְץ זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן.

וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אָפְּנַארְן, אָבֶּער אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ הָאט דִי יְסוֹדוֹת, דֶעמָאלְטס קֶען אִים קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין.

אֵיין טָעוּת הָאבּ אִיךְ גֶעטוּעֶן, (וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ מַאכְט טְעוּתִים, אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער וֶועט זָאגְן, אִיךְ בִּין אַ כְּלִיל הַשְּׁלֵמוּת אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאכְן קַיין טְעוּתִים, אִיז עֶר נֶעבֶּעךְ אַ שַׁקְרָן אוּן אַ נַעַר, אוּן עֶר מַאכְט דִיר אוֹיךְ צוּ נַעַר) אוּן מֶען דַארְף דָאס וִויסְן: זִיךְ נִישְׁט צוּ מִתְוַכֵּחַ זַיין מִיט קַיין מֶענְטְשְׁן; וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ אִינְזִינֶען, אוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז מוֹרָא'דִיג מְסוּכָּן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז): אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁט דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער, אִיז עֶר אַ חַיָה בִּדְמוּת אָדָם. אוּן וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דָאס וִויסְן? נָאר שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי ב, ו): **מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה**, פוּן דֶעם מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען וִויסְן וֶוער דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ אִיז. וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט לוֹיט וִוי עֶר הַאלְט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סו): יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה מוּז דוּרְכְגֵיין דֶעם דִבּוּר. אוּן אַז מֶען הֶערְט אֵיינֶעם רֶעדְן

נִיבּוּל פֶּה, דַארְף מֶען וויסְן אַז דָאס טְרַאכְט עֶר, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): **מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל פֶּה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן.** דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט: אַ יֶעדֶע זַאךְ מוּז אַדוּרְךְ גֵיין דֶעם דִבּוּר, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קיג).

וֶועגְן דֶעם אִיז נִישְׁט כְּדֵי מִיט קֵיינֶעם אַרַיין צוּ גֵיין אִין וִיכּוּחִים, אִיךְ דַארְף זִיךְ נָאר מִשְׁפָּטְ'ן אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן דָאס וָואס אִיךְ טוּ עַל פִּי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַז אִיךְ רֶעדְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף אִיךְ זֶעהְן אוֹיבּ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס טַאקֶע, אָבֶער פוּן אַן אַנְדֶערְן דַארְף אִיךְ זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין, וַוייל אַזוֹי ווי אִין קֵבֶר וֶועל אִיךְ לִיגְן אַלֵיין, פַארְוָואס זָאל אִיךְ בְּחַיִּים חִיוּתִי נִישְׁט גֵיין אַלֵיין?! נָאר כְּדֵי מֶען זָאל הָאבְּן הִתְחַזְּקוּת מוּז מֶען הָאבְּן **נְקוּדַּת הֶחָבֵר**, וָואס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לד), אָבֶער דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף מֶען מְקַבֵּל זַיין **נְקוּדַּת הָרַב**; אַסַאךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען דֶעם

הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס סְפָרִים בִּיז עֶס זָאל זַיין שָׁגוּר עַל פִּיו, און אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט נִישְׁט לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן אִיז מֶען נִישְׁט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן, אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף מֶען לֶערְנֶען שִׂיחוֹת הָרַ״ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, און מִיט דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס סְפָרִים אִיז דָאס זַיין רֶבִּי.

דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת ה, כב): **כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ שְׁלֹשָׁה דְּבָרִים הַלָּלוּ מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ, וּשְׁלֹשָׁה דְּבָרִים אֲחֵרִים הוּא מִתַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע.** אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען פַאר פִיר טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין אַ תַּלְמִיד פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ? בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען פַאר דְרֵיי און אַ הַאלְבּ טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק וִוי אַזוֹי אִיז מֶען אַ תַּלְמִיד פוּן בִּלְעָם הָרָשָׁע? זָאגְט דֶער תַּנָא אַזוֹי: אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ מִיט אַ ׳עַיִן טוֹבָה׳ מִיט אַ גוּט אוֹיג, עֶר פַארְגִינְט יֶענֶעם ׳וְרוּחַ נְמוּכָה, וְנֶפֶשׁ שְׁפָלָה׳ אִיךְ וֵייס וֶוער אִיךְ בִּין און אִיךְ בִּין צוּבְּרָאכְן, דֶעמָאלְטְס בִּין אִיךְ ׳מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ׳, וַוייל אַז אִיךְ פִיר זִיךְ הַיינְט אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בִּין אִיךְ זַיין תַּלְמִיד. פַארְקֶערְט

אַז מֶען הָאט אַ 'עַיִן רָעָה' אַ שְׁלֶעכְטְן אוֹיג וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ פוּן 'רוּחַ גְּבֹהָה וְנֶפֶשׁ רְחָבָה' דֶעמָאלְטְס: 'מִתַּלְמִדָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע'. עַל אַחַת כַּמָה וְכַמָה אַז פַאר צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאר הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַזַא גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ דָא מִיט אוּנְז אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצב): **פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ** לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ'ס סֵפֶר אִיז מֶען זִיךְ מְדַבֵּק מִיט אִים.

אוּן דָאס פַארְוָואס עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט מַה בֵּין אַבְרָהָם לְבֵין בִּלְעָם, וַוייל צְוִוישְׁן זֵיי אַלֵיין הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶעהְן אַ חִילוּק. וַוייל בִּלְעָם אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּעֶן מִיט אַלֶע שְׁמוֹנָה בְּגָדִים אוּן גֶעזָאגְט תּוֹרָה פּוּנְקְט ווִי אַבְרָהָם אָבִינוּ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן נז): **בִּלְעָם הָרָשָׁע** הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף אַ פָּסוּק (תְּהִלִּים כט, י): **ה' לַמַּבּוּל יָשָׁב**, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַ גַאנְצְן דְרוּשׁ אוּן אַ תּוֹרָה אוּן מֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט. אוֹיבּ אַזוֹי, ווִי אַזוֹי קֶען מֶען ווִיסְן דֶער חִילוּק צְוִוישְׁן אַבְרָהָם אוּן בִּלְעָם? נָאר

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קמ): װען מֶען קוּקְט אוֹיף אַ זִיגְל, זֶעהְט מֶען דִי אוֹתִיוֹת פַארְקֶערְט, נָאר װען מֶען סְטֶעמְפְּט דָאס אַרָאפּ אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ דֶעמָאלְטְס אִיז דָאס גְלַייךְ. טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק (אִיּוֹב לז, ז): **וּבְיַד כָּל אָדָם יַחְתּוֹם לָדַעַת כָּל אַנְשֵׁי מַעֲשֵׂהוּ**, דֶער צַדִּיק װערְט אָנְגֶערוּפְן ׳כָּל׳, אוּן עֶר אִיז אַזוֹי װִי אַ סְטֶעמְפּ װָאס מֶען קֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט זֶעהְן, נָאר װִי אַזוֹי קֶען מֶען זֶעהְן װער דֶער צַדִּיק אִיז? **לָדַעַת כָּל אַנְשֵׁי מַעֲשֵׂהוּ**, אַז דוּ זָאלְסְט זֶעהְן זַיינֶע תַּלְמִידִים װָאסְפַארַא תַּלְמִידִים עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט. װעגְן דֶעם כַאפְּט דֶער מִשְׁנָה אָן דֶעם לָשׁוֹן ׳**מַה בֵּין תַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ לְתַלְמִדָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע**׳ װַייל נָאר אוֹיף דִי תַּלְמִידִים קֶען מֶען זֶעהְן דִי חִילוּק: אַז עֶר גֵייט מִיט אַ חוּמָשׁ, מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת, זָאגְט מֶען שׁוֹין עֶר בַּאלַאנְגְט דָארְטְן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֲבֵירָה װָאס מֶען קֶען זָאגְן אוֹיף אִים, אַז עֶר גֵייט מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת, בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶר גֵייט נִישְׁט אִין טַאשׁ מִיט קַיין שְׁמוּץ, אָבֶער אַז מֶען טְרֶעפְּט אִים מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן, זֶעהְט

מֶען צוּ וֶועמֶען עֶר אִיז מְקוּרָב. דֶערְפַאר זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק, סִימָן צט): וֶוער עֶס הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק, דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין קַיין שֵׁם רַע. וַוייל אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ פִירְן וִוי עֶס דַארְף נִישְׁט, וֶועט מֶען זָאגְן אַז דָאס הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט דָארְטְן. אָבֶּער אַז מִיר לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נס סְפָרִים אוּן מִיר פְּרוּבִּירְן מְקַיֵּים זַיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס עֵצוֹת, זֶענֶען מִיר תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּין, אוּן מֶען דַארְף קֵיינֶעם נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת מְרִיבָה, סִימָן לה): **מִי שֶׁהוּא עָצוּר בְּמִלִּין לֹא יוּכַל אוֹתוֹ שׁוּם אָדָם.** וֶוער עֶס הַאלְט זִיךְ אַיין אוּן עֶר רֶעדְט נִישְׁט, וֶועט אִים קֵיינֶער נִישְׁט קֶענֶען בַּייקוּמֶען.

## ג.

**בָּרוּךְ הַשֵּׁם** דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיר צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי נְשָׁמָה, דַארְף מֶען זֶעהְן זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן וֶועלְן מִיר רֶעדְן אַבִּיסְל פוּן דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, רַשִׁ״י זָאגְט: אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הָאט גֶעהַאט

חֲלִישׁוּת הַדַּעַת וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז יֶעדֶער פוּן דִי נְשִׂיאִים הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן, נָאר עֶר אוּן זַיין שֵׁבֶט זֶענֶען נִישְׁט דָארְטְן גֶעוֶוען, הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט: אִיךְ שְׁוֶוער דִיר אַז דַיינְס אִיז גְרֶעסֶער פוּן זֵייעֶרְס, וַוייל דוּ וֶועסְט אָנְצוּנְדֶען אוּן אוֹיסְפּוּצֶען דִי לֶעכְט. דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זי״ע בְּרֶענְגְט פוּן זַיין רֶבִּי'ן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע: דִי תּוֹרָה אִיז אַ נִצְחִיּוּת, לִכְאוֹרָה וִוי אַזוֹי אִיז שַׁיָּיךְ הַיינְט אָנְצוּצוּנְדְן דִי מְנוֹרָה?!

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כא): אַז אַ מֶענְטְשׁ טְרָאגְט אוֹיף זִיךְ דִי מְנוֹרָה, וָואס דָאס אִיז דִי צְוֵויי אוֹיגְן, צְוֵויי אוֹיעֶרְן, צְוֵויי נָאז לֶעכֶער, מִיטְן מוֹיל, דָאס אִיז דִי שִׁבְעָה נֵרוֹת. אוּן אַז מֶען הִיט דָאס אָפּ, הָאט מֶען אַ רֵיינֶעם מֹחַ, אוּן דֶער מֹחַ טְרַאכְט שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ, אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן, וַוייל דֶער עִיקָּר אִיז דִי אוֹיגְן, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (סוֹטָה ח.): אֵין הַיֵּצֶר הָרָע שׁוֹלֵט אֶלָּא בְּמַה שֶּׁעֵינָיו רוֹאוֹת, דֶער יֵצֶר הָרַע קֶען נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ נָאר אוֹיף

וָואס עֶר קוּקְט. דֶערְפַאר דַארְף מֶען אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן, און וִוידֶערְאוּם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ ׳טוֹב עַיִן׳, קוּקְן מִיט אַ גוּטֶע אוֹיג אוֹיף יֶענֶעם.

און נָאכְדֶעם דִי אוֹיעֶרְן; אַ מֶענְטְש דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ הֶערְן קַיין שְׁמוּץ, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ג): מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן נִגוּנִים פוּן רְשָׁעִים און פוּן גוֹיִם, וַוייל דָאס שַׁאדְט פַאר אַ מֶענְטְש, און מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּטְשֶׁעפֶּענֶען פוּן דֶעם.

און נָאכְדֶעם דֶער חֹטֶם; מֶען זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן כַּעַס, און דִי יִרְאַת שָׁמַיִם זָאל זַיין וִוי עֶס דַארְף.

וְעַל כּוּלָם דֶער מוֹיל; אַז דֶער מוֹיל זָאל נָאר רֶעדְן גוּטֶע דִבּוּרִים, דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער פָּסוּק (בַּמִדְבָּר ח, ב): **בְּהַעֲלוֹתְךָ אֶת הַנֵרוֹת אֶל מוּל פְּנֵי הַמְנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת הַנֵרוֹת.** וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דֶער מִיטְלְסְטֶער קָנֶה, וָואס דָאס אִיז דֶער דִבּוּר, אַ מֶענְטְש דַארְף זֶעהְן אַז זַיינֶע דִבּוּרִים זָאלְן זַיין נָאר פוּן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס עֵצוֹת,

און נִישְׁט רֶעדְן פוּן אַנְדֶערֶע עֵצוֹת, און נָאךְ זָאגְן פוּן וואוּ מֶען הָאט דָאס גֶענוּמֶען.

בָּרוּךְ הַשֵׁם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהָאלְפְן און מִיר הָאבְן אָנְגֶענוּמֶען דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, און מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אַזוֹי וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן לד): דֶער מוֹיל פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן: ׳מְלָאפוּם׳. וָואס אִיז דִי וֶוערְטֶער: מָלֵא־פּוּם, דָאס הֵייסְט, דֶער מוֹיל רֶעדְט אִים נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, און דָאס הָאב אִיךְ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט, שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען רֶעדְט ׳פוּן׳ בַּאשֶׁעפֶער, רֶעדְט מֶען ׳צוּם׳ בַּאשֶׁעפֶער.

נָאכְדֶעם דֶער סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּמּוּד, (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ע״ו, וּבַאֲרִיכוּת בְּקוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד): אַלֶע מַאכְן חוֹזֶק פוּן דֶעם און פְרֶעגְן וואוּ שְׁטֵייט דָאס? און זֶענֶען זִיךְ מְפַלְפֵּל אִיבֶּערְדֶעם, אָבֶּער מֶען דַארְף מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ, זֶעהְט מֶען שׁוֹין וְוי אַזוֹי עֶס זֶעהְט אוֹיס. מֵילֶא

אַז עֶס זִיצְט אַ אִינְגֶערְמַאן און עֶר לֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז אוֹיף דֶערְנַאכְט ׳בְּעִיוּן׳, קוּמְט אִים כָּל הַכָּבוֹד, און אִיךְ בִּין אִים מְקַנֵא, אָבֶער מֶען דַארְף דָאךְ אָנְקוּקְן זִיךְ אַלֵיין, וֶוער בִּין אִיךְ?! אִיךְ בִּין אַ פְּרָאסְטֶער און גֶעמֵיינֶער יוּנְג, און אִיךְ וֵוייס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּעֶן, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט קַיין חוּמָשׁ, קַיין מִשְׁנַיוֹת, קַיין גְמָרָא, און דָא קוּמְט אַ רֶבִּי און עֶר גֶעט אִין מִיר אַרַיין אַ חַיוּת, און אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם יֶעדְן טָאג, און אַזוֹי בִּין אִיךְ מְסַיֵּם יֶעדֶע וָואךְ דִי סֶדְרָה, דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב רֶבִּי יִשָּׂכָר דֹּב זי״ע הָאט גֶעזָאגְט: אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן.

און דָאס זֶעלְבֶּע מִיט מִשְׁנַיוֹת, אִיךְ פַּאנְג אָן לֶערְנֶען און זָאגְן אֵיינְמָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה און נָאכְאַמָאל, און אִיךְ זֶעה אַז עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁוֶוער וִוי מֶען הָאט מִיר אַיינְגֶערֶעדְט, אִיךְ זֶעה אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין מַצְלִיחַ, אֵיי דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם צוּבְּרֶעכְט מִיר, אַז דָאס הֵייסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, מַאךְ אִיךְ זִיךְ נִישְׁט צוּטוּהְן,

נָאר אִיךְ מַאךְ מִיר אַ פָּשׁוּטְן חֶשְׁבּוֹן וָואס דֶען זָאל אִיךְ טוּעֶן?! וַוייל עֶס קֶען דוּרְךְ גֵיין דִי זִיבֶּעצִיג יָאר, אוּן אֲפִילוּ אֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, אֵיינְמָאל נִישְׁט עֶנְדִיגְן כָּאטְשִׁיג שַׁ״ס בַּבְלִי, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען שׁוֹין זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבְּן, אָבֶּער כָּל זְמַן אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט, אִיז עֶס אַזוֹי גְרִינְג, וַוייל מֶען דַארְף נִישְׁט מֶער וִוי נֶעמֶען דִי גְּמָרָא אוּן אָנְהֵייבְּן אַבִּיסֶעלֶע, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן ז״ל: אַבִּיסְל אִיז אוֹיךְ גוּט. אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט, לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל בַּ׳בְלִי אַבִּיסְל יְ׳רוּשַׁלְמִי אַבִּיסְל תּ׳וֹסֶפְתָּא, וָואס דוּרְךְ דֶעם בּוֹיעֶט מֶען זִיךְ אוֹיף אַ שְׁטוּבּ [בַּיִ״ת]. אוּן דָאס וֶועט מֶען זֶעהְן בַּיים סוֹף, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט קֶען לִיגְן צְוֵויי נִפְטָרִים, אִין אֵיין אָרוֹן לִיגְט דָארְט אַ בַּבְלִי יְרוּשַׁלְמִי תּוֹסֶפְתָּא. וֶוער רֶעדְט נָאךְ אוֹיבּ עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מֶדְרָשׁ רַבָּה, אוּן מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא מִיטְן זוֹהַר אוּן תִּקּוּנִים, אוּן אִין דֶעם אַנְדֶערְן אָרוֹן לִיגְט אַגַאנְצֶע בַּארְג מִיט צֵייטוּנְגֶען וָואס עֶר הָאט

אָפְּגֶעלֵיינְט אִין דִי זִיבֶּעצִיג יָאר, און דָארְטְן הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ אַנְדֶער עִנְיָן.

דֶערְפַאר לָאמִיר מַאכְן אַ נֵייעֶ הַתְחָלָה דֶער עִיקָר זִיךְ רֵיינִיגְן דִי ׳שִׁבְעָה נֵרוֹת׳, און אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז און מוֹיל, און דָאס הֵייסְט גֶעלֶעבְּט עוֹלָם הַבָּא אוֹיף דִי וֶועלְט, **עוֹלָמְךָ תִּרְאֶה בְּחַיֶּיךָ**. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן קיט): דִי וֶועלְט זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא ׳עוֹלָם הַזֶה׳. אִיךְ זֶעה נִישְׁט קַיין ׳עוֹלָם הַזֶה׳, וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַזֶעלְכֶע צָרוֹת. און דֶער גְרֶעסְטֶער רַחְמָנוּת וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין אִיז אוֹיף אַ בָּחוּר, וַוייל וָואס זָאל עֶר טוּעֶן?! דֶערְפַאר דַארְף מֶען מְלַמֵד זְכוּת זַיין אוֹיף יֶעדְן בָּחוּר, אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶע זַאךְ און אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי פֶערְצְן פוּפְצְן יָאר, און הַיינְט אִיז דָאס לֵיידֶער נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט, וֶועגְן דֶעם אִיז אוֹיף אַ בָּחוּר אַ בִּיטֶערֶער רַחְמָנוּת.

אָבֶּער עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ יוּנְגֶערְמַאן אוֹיכֶעט, מִיט פַּרְנָסָה וְכוּ׳, דָאךְ אָבֶּער וֶוען מֶען זָאל נוּצְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינ׳ס עֵצוֹת הָאט מֶען דָאךְ מוֹרָא׳דִיגֶע עֵצוֹת אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וַוייל פַּת בְּסַלּוֹ הָאט אַ יוּנְגֶערְמַאן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס פֶּעלְט אִים אִיז ׳שֵׂכֶל׳, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן פט): **הַדַּעַת מְשַׁדֵּךְ כָּל הַשִּׁדּוּכִים**. מֶען דַארְף וִויסְן לְגַבֵּי שָׁלוֹם בַּיִת, אַז אַלֶע פְרוֹיעֶן זֶענֶען דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן שֵׂכֶל וִוי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ שְׁטוּבּ, אוּן דֶעם דַעַת בַּאקוּמְט מֶען פוּנֶעם צַדִּיק.

[אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַאר יוּנְגֶעלַייט וָואס זֵיי זָאגְן אַז מַיין וַוייבּ לָאזְט מִיר נִישְׁט פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן, וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? דֶער תֵּירוּץ אִיז פָּשׁוּט, וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ אוֹיף וִוי אַ חַיָּה אִין שְׁטוּבּ אַ גַאנְץ יָאר. קַיין גוּט וָוארְט זָאגְט עֶר נִישְׁט פַאר זַיין וַוייבּ, גֶעלְט גֶעט עֶר אִיר אוֹיךְ נִישְׁט, אוּן אָפְּגֶערֶעדְט אַז זִי אַרְבֶּעט אוּן עֶר נֶעמְט נָאךְ צוּ אִיר גֶעלְט אוֹיכֶעט, אוּן עֶס בְּרֶענְט אִין אִיר דִי כַּעַס אוּן דִי רְצִיחָה, וָואס

קֶען זִי צוּרִיק גֶעבְּן דֶעם מַאן? אַז וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה טוּט זִי אַלֶע פְּעוּלוֹת אִים צוּ שְׁטֶערְן, אוּן אִים צוּרִיק וֵויי צוּ טוּהְן. אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט קַיין גוּטְן חֵשֶׁק אוֹיךְ נִישְׁט, וַוייל וֶוען עֶר הָאט וֶוען אַ גוּטְן חֵשֶׁק אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן קַיין אָפְּהַאלְט, וַוייל עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן.

אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ אִיד ר׳ שְׁמוּאֵל מָרְדְּכַי, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ סוֹחֵר, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שָׁעָה אִין טָאג, וָואס עֶר הָאט דָאס גֶערוּפְן: דִי גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע שָׁעָה, אִין דִי שָׁעָה אִיז עֶר גֶעוֶוען פַארְמַאכְט, וַוייל עֶר דַארְף אַ שָׁעָה רֶעדְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּצְט גָארְנִישְׁט.

אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן אַז מַיין נְשָׁמָה אִיז שׁוֹין אַרוֹיס, אוּן אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן, פְּלוּצְלִינְג קוּמְט מֶען מִיר זָאגְן: דוּ וֵוייסְט דוּ דְרֵייסְט זִיךְ אִין עוֹלָם הַתּוֹהוּ, אָבֶּער דָארְטְן אוּן דָארְטְן אִין דִי טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה, קֶען מֶען דִיר פַארְרֶעכְטְן, דֶעמָאלְטְס

וַואַרְט נִישְׁט דִי נְשָׁמָה און טְרַאכְט נִישְׁט, נָאר זִי פְּלִיעֶט און לוֹיפְט גְלַייךְ אַהִין, און בֶּעהְט: אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן. נָאר פַארְוָואס אִיז דָאךְ דָא מְנִיעוֹת? וַוייל מֶען פִירְט זִיךְ אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר וִוי אַ פֶּרֶא אָדָם אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער אַז מֶען לֵייגְט צוּ אַ הַאנְט און מֶען הֶעלְפְט אַרוֹיס אִין שְׁטוּבּ, און דִי וַוייבּ זֶעהְט אַז מַיין מַאן אִיז מִיר גֶעטְרֵיי, דֶעמָאלְטְס טְרַייבְּט זִי אִים שׁוֹין רֹאשׁ הַשָּׁנָה עֶר זָאל גֵיין.]

וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן אַז אִין שְׁטוּבּ זָאל עֶר זִיךְ אוֹיף פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אַדְּרַבָּה זָאל זַיין דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אַ רוּאִיגֶע פְרֵיילִיכֶע שְׁטוּבּ, און אַז עֶס אִיז אַ שְׁוֶועֶרֶער שְׁטוּבּ, זָאל עֶר אַרַיין לֵייגְן מֶער כּוֹחוֹת, אַז דִי שְׁטוּבּ זָאל זִיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ זָאגְן: מַיין וַוייבּ אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מְכַשֵּׁפָה, מַיין וַוייבּ אִיז דִי גְרֶעסְטֶע רְשַׁע׳נְתֶע. עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, וַוייל עֶס אִיז אַ בֵּיין פוּן דַיינֶע בֵּיינֶער, און עֶס אִיז תָּלוּי אִין דִיר, און אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיפְפִירְן מֶענְטְשְׁלִיךְ אִין שְׁטוּבּ, וֶועסְטוּ זֶעהְן אַז דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיט אַלֶעם, אָבֶּער אֲפִלוּ

נִישְׁט דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אַז דָאס אִיז זַיינֶע עֲוונוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כב): מִיר זָאגְן בַּיי דִי סְלִיחוֹת **׳אִם עֲווֹנֵינוּ עָנוּ בָנוּ׳.** וֶוער שְׁרֵייט? דִי עֲווֹנוֹת! אוּן אוֹיבּ עֶר וֶועט אֱמֶת׳דִיג תְּשׁוּבָה טוּהְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, וֶועט זִי זִיךְ אוֹיךְ אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן צוּזַאמֶען, אוּן: **אִישׁ אֶת רֵעֵהוּ יֹאמַר חֲזַק,** אוּן אִיךְ בֶּעט עֶנְק אַלֶע: אִיר זָאלְט בֶּעטְן פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵמָה, אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים וָואס הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר מִיר, עֶס שְׁטֵייט (בָּבָא קַמָּא, צב.): **הַמִּתְפַּלֵּל בְּעַד חֲבֵירוֹ וְהוּא צָרִיךְ לְאוֹתוֹ דָבָר הוּא נֶעֱנֶה תְּחִלָּה,** יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף הָאבְּן אַ רְפוּאָה, זָאל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז אַלֶעמֶען שִׁיקְן רְפוּאוֹת מִיט יְשׁוּעוֹת.

מֶען דַארְף וִויסְן אַז יֶעדְן טָאג אִיז דָא בִּלְבּוּלִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א,

סִימָן ס): יֶעדֶער טָאג הֵייבְּט זִיךְ אָן עֶנְג אוּן שְׁמָאהְל, דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל זֶעהְן אַז נָאכְדֶעם זָאל עֶס וֶוערְן בְּרֵייט. וַוייל יֶעדְן טָאג וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אוֹיף אִיז עֶר אִינְגַאנְצְן מְבוּלְבָּל, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן פד): יֶעדְן טָאג וֶוען עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן, זֶענֶען דָא נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים וָואס זֶענֶען מְבַהֵל אוּן מְבַלְבֵּל דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ נֶעמְט מֶען אַרָאפּ דִי קְלִיפּוֹת. מֶען דַארְף זִיךְ דֶער עִיקָר הַאלְטְן צוּזַאמֶען, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ, אוּן הַלְוַאי הַלְוַאי זָאלְן מִיר מַאכְן אַ נַייעֶ הַתְחָלָה אִין דִי זַאךְ, אוּן מְחַזֵק זַיין אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אַ אִינְטְרֶעסַאנְטֶע זַאךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כז; וְעַיֵּין בְּקִצּוּר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן): **לִמְשׁוֹךְ אֶת כָּל הָעוֹלָם לַעֲבוֹדָתוֹ לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד**, צוּ צוּצִיעֶן דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט, אַז אַלֶע זָאלְן דִינֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען זָאל אַוֶועק וַוארְפְן דִי גֶעלְט, דָאס וֶוערְט לוֹיט דִי שָׁלוֹם וָואס עֶס אִיז דָא צְוִוישְׁן מֶענְטְשְׁן, וָואס דוּרְךְ דֶעם זֶענֶען זֵיי זִיךְ חוֹקֵר אוּן מַסְבִּיר אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוּן אַזוֹי אַרוּם קֶען

מֶען זִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּם אֱמֶת. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם, וַוייל דֶער וָואס עֶר זָאגְט אַז עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חָכָם אִיז עֶר דֶער גְרֶעסְטֶער טִפֵּשׁ, עֶס אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ חָכָם, אוֹיךְ אִיז נָאכְנִישְׁט דָא אַ פַאבְּרִיק וָואס מֶען פַארְקוֹיפְט דָארְט חָכְמָה, דֶערְפַאר מֶעג מֶען דָאךְ הֶערְן אַ עֵצָה פוּן אַ אַנְדֶערְן אוֹיךְ, אוּן זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן, אוּן אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ דוּרְךְ אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מֶען זָאל מֵיינֶען דֶעם אֱמֶת, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען הָאבְּן הַצְלָחָה, חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קד.): 'קוּשְׁטָא קָאֵי שִׁקְרָא לֹא קָאֵי'. דֶער אֱמֶת בְּלַייבְּט, דֶער שֶׁקֶר פַאלְט אַוֶועק. גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ הָאבּ דוּרְךְ גֶעלֶעבְּט גָאר גָאר אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן, אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם הַיינְט זֶעה אִיךְ דִי פֵּירוֹת אוּן פֵּרִי פֵּירוֹת, פַארְוָואס? וַוייל קוּשְׁטָא קָאֵי, דֶער אֱמֶת בְּלַייבְּט, שִׁקְרָא לֹא קָאֵי, דֶער שֶׁקֶר פַאלְט נָאכְדֶעם אַוֶועק.

וֶועט דָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְן וָואס אִיז דֶער אֶמֶת וָואס אִיז דֶער שֶׁקֶר? אֶמֶת אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער. אוֹיךְ אִיז אֶמֶ״ת דִי וֶוערְטֶער: אֶ׳הְיֶה מֵ׳ת, אִיךְ וֶועל זַיין אַ מֵת, דָאס אִיז דֶער אֶמֶת. שֶׁקֶר אִיז דָא אַסַאךְ (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נא).

דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן נָאר זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ צִיעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מֶען זָאל זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מַחֲלוֹקֶת, וַוייל דֶער גַאנְצֶער תַּעֲנוּג פוּנֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם אִיז אַז עֶר קֶען מַאכְן מַחֲלוֹקֶת אוּן פִּירוּדִים, וָואס וֶועגְן דֶעם לַיידְן מִיר דֶעם גָלוּת, אָבֶער בַּיי אוּנְז דַארְף מֶען זֶעהְן עֶס זָאל זַיין אַחְדוּת. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

~תַּם וְנִשְׁלַם, שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

בעזהשי"ת

קוּנְטְרֵס

# לֶעבּ מִיטְן מְצִיאוּת

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א

אַרַייְנְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶּער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת שְׁלַח תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דוּ זָאלְסְט זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אוּן זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ וְרַשִׁ"י מִיטְן תַּרְגוּם, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן בִּיז פְרַייטָאג דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, וָואס אִיז אַ סְגוּלָה לַאֲרִיכוּת יָמִים וְשָׁנִים, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן, (בְּרָכוֹת ח.) לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיוֹתָיו עִם הַצִּבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו; אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וָואס מִשְׁנֶ"ה אִיז דִי אוֹתִיוֹת נְשָׁמָ"ה, אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת וֶוערְט גֶעלוֹיטֶערְט דִי נְשָׁמָה, אוֹיךְ מִשְׁנֶ"ה בַּאטְרֶעפְט פּוּנְקְט וִוי פַּרְנָסָ"ה, וָוארוּם אַז מֶען לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת הָאט מֶען גְרִינְג פַּרְנָסָה, אַז וואוּיל אִיז דֶעם בָּחוּר אָדֶער דֶעם אִינְגֶערְמַאן וָואס לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה צוּ הַרְגֶענֶען זַיין יֵצֶר הָרַע, וְעַל כּוּלָם צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא חוֹק וְלֹא יַעֲבוֹר, דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִין לֶעבְן, אוּן דֶער סַמֶ"ךְ מֵ"ם וֶועט טוּן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם נִישְׁט לָאזְן אַ בָּחוּר אָדֶער אַ אִינְגֶערְמַאן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, וָוארוּם עֶר הָאט זֵייעֶר מוֹרָא פוּן לִימוּד גְמָרָא, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רי"ד) אַז מִיט לֶערְנֶען גְמָרָא אִיז מֶען מְבַטֵל פוּן זִיךְ דִי קְלִיפָּה וָואס וִויל אִים בְּרֶענְגֶען צוּ עֲבֵירוֹת, אוּן עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "וָוֵי הָעַמוּדִים" אַ זוּן פוּן שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ, אַז עֶס דַארְף זַיין אַ חוֹב אוֹיף יֶעדְן אִיד צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא אַזוֹי וִוי עֶס אִיז אַ חוֹב אָנְצוּטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, אוּן וֶוער עֶס לֶערְנְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי לִימוּדִים מִקְרָא, מִשְׁנֶה, גְמָרָא, דֶער אִיז אַ גְרוֹיסֶער אָרִימַאן, וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קכ.) "וּבְבֵיתִי אֵין לֶחֶם וְאֵין שִׂמְלָה" שֶׁאֵין בְּיָדִי לֹא מִקְרָא וְלֹא מִשְׁנָה וְלֹא תַּלְמוּד.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א' מִכְתַּב יד)

# לֶעבּ מִיטְן מְצִיאוּת

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן עב): וֶוען מֶען קוּמְט צוּ אַ צַדִּיק בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסְקֵייט, אוּן דֶער עִיקָר גְרוֹיסְקֵייט וָואס מֶען בַּאקוּמְט אִיז שִׁפְלוּת, מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ שָׁכֵן לֶעָפָר בְּחַיָיו; דָאס הֵייסְט, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, זָאל עֶר שׁוֹין טְרַאכְטְן אַז עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער

וֶועלְט, אוּן מֶען וֶועט אִים מַאכְן אַ גְרוּבּ, אוּן דָארְטְן אַרַיינְלֵייגְן. אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט אַ גוּטְן אִיד זָאגְן: אִיךְ גֵיי יֶעדְן טָאג אִין מִקְוָה, אַזוֹי וֶועלְן דִי חֶבְרָה קַדִישָׁה מִיר נִישְׁט דַארְפְן טוֹבֵלְ'ן, וַוייל אִיךְ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין אַלֵיינְס גֶע'טוֹבֵלְ'ט.

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת לא ע"א): עֶס אִיז גֶעוֶועזְן אַ חֲתוּנָה, הָאבְּן דִי חֲכָמִים גֶעזָאגְט: **לִישְׁרֵי לָן מַר**, - זִינְגְט אוּנְז אַ נִיגוּן. הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ נִיגוּן: **וַוי לָן דְמִיתְנָן, וַוי לָן דְמִיתְנָן** - וֵויי אִיז פַאר אוּנְז, אוּנְז גֵיי מִיר שְׁטַארְבְּן; פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת פֶּסַח, הֲלָכָה ט): וָואס הֵייסְט בַּיי אַ חֲתוּנָה זִינְגְט מֶען אַזַא זַאךְ? נָאר דֶער **'יוֹם הַמִּיתָה'** אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן צוּ דֶערְשְׁרֶעקְן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף דִי מְצִיאוּת, דָאס הֵייסְט, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לֶעבְּן מִיט רִיַאלִיטִ"י, אוּן טְרַאכְטְן וָואס עֶס וֶועט זַיין מִיט אִים, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים **יִשׁוּב הַדַעַת**, אוּן אַז מֶען הָאט דֶעם **יִשׁוּב הַדַעַת**, זֶעהְט מֶען דִי מַעֲלָה פוּן דִי וָואס לֶערְנֶען לוֹיט

דֶעם ׳סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד׳ פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו, וּבְקוּנְטְרֵס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד בַּאֲרִיכוּת).

דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַגִלְגוּלִים, הַקְדָמָה יז): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט אַ פָּסוּק בַּייטָאג, דֶעמָאלְטְס בַּיינַאכְט וֶוען דִי נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף, לֶערְנְט מֶען אִיר אוֹיס, זֵייעֶר אַסַאךְ סוֹדוֹת אוֹיף דֶעם פָּסוּק. כָּל שֶׁכֵּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, אַזוֹי אַז וֶוען עֶס קוּמְט פְרַייטִיג הָאט עֶר שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵׁם מַעֲבִיר סִדְרָה גֶעוֶוען, קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן, אוּן וָואס פַאר אַ שְׂכַר מֶען בַּאקוּמְט פַאר דֶעם. אוּן לֵיידֶער רוֹב וֶועלְט זֶענֶען מוֹרָא׳דִיג נִתְרַשֵׁל אִין ׳דִי׳ מִצְוָה, אוּן דֶערְפַאר גֵייט אִיבֶּער אוֹיף מֶענְטְשְׁן עֲנִיוּת מִיט דַחְקוּת מִיט מַחֲלוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב רֶבִּי יִשָׂכָר דוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: אִין דֶעם טָאג וֶוען מֶען לֶערְנְט חוּמָשׁ רַשִׁ״י וֶועט מֶען נִישְׁט זִינְדִיגְן. עֶס שְׁטֵייט פוּן

הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר הָאט אַמָאל נָאכְגֶעזָאגְט פוּן זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער גְרוֹיסֶער מַגִיד פוּן מֶעזְרִיטְש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי צַייט. דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה, און וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סִדְרָה דָאס אִיז דִי נֵייעֶס פוּן דִי וָואך.

אַזוֹי אוֹיךְ דַארְף אַ אִיד לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנַיוֹת, פֶּרֶק נָאךְ פֶּרֶק, און גְמָרָא, בְּלַאט נָאךְ בְּלַאט; אָבֶּער עֶס קֶען דוּרְכְגֵיין אַ וָואךְ, אַ חוֹדֶשׁ, אַ יָאר, און אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט נִישְׁט אוֹיף קַיין מִשְׁנַיוֹת, קַיין גְמָרָא וְכוּ', וָואס דָאס נֶעמְט זִיךְ נָאר וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דֶעם לֶעצְטְן טָאג און עֶר מֵיינְט אַז עֶר הָאט נָאךְ צַייט, וֶועגְן דֶעם הָאט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעגֶעבְּן דִי מַתָּנָה פוּן 'הִתְבּוֹדְדוּת', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר, עֶס אִיז אַוֶועק אַ טָאג וְכוּ'.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן א):
**דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז זִיךְ מִתְלַבֵּשׁ בְּמִצְווֹת**, עֶר קוּמְט צוּם מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֶעלְטֶערְהֵייט, אוּן עֶר רֶעדְט אִים אַיין אַז עֶר זָאל טוּהְן אַ מִצְוָה, זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת הוֹדָאָה, הֲלָכָה ו): אַז דִי מִצְוָה מִיט וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע פַארְשְׁטֶעלְט זִיךְ אִיז, עֶר זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ: דוּ וֵוייסְט אִין הִימְל הָאט מֶען זֵייעֶר לִיבּ אַ **'לֵב נִשְׁבָּר'**, אוּן עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, וַוייל דוּ וֵוייסְט דָאךְ יָא וָואס דוּ הָאסְט אַלְס גֶעזִינְדִיגְט. אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם ווִיל אִים אַרַיינְשְׁלֶעפְּן דוּרְךְ דֶעם אִין 'מָרָה שְׁחוֹרָה' אוּן אִין 'עַצְבוּת'. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א, סִימָן צ): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קד, לד-לה): **אָנֹכִי אֶשְׂמַח בַּה', יִתַּמּוּ חַטָּאִים מִן הָאָרֶץ**. וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ - כַּבְיָכוֹל - מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קֵיין חַטָּאִים; וַוייל יֶעדֶע סְקוּנְדֶע וָואס אַ אִיד אִיז פְרֵיילִיךְ, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶה מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ אִיד, כָאטְשִׁיג עֶר הָאט גָארְנִישְׁט

אִין זִיךְ, וַוייְזְט עֶר מִיט דֶעם אַז עֶר גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן וֶועגְן דֶעם פְרֵיידְט עֶר זִיךְ, פוּן דֶעם אַלֵיין וֶוערְט מוֹרָא׳דִיגֶע יִיחוּדִים, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען אַ אִיד פְרֵיידְט זִיךְ אַז עֶר הָאט צִיצִית בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶר הָאט אַ מְזוּזָה אוֹיפְן טִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הַיינְט מִיט תְּפִלִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ל ע״ב): אַן אַמוֹרָא הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט: ׳אֲנָא תְּפִילִין קָא מְנַחְנָא׳, אִיךְ הָאבּ גֶעלֵייגְט תְּפִלִּין. וַוייל מִיט דֶעם וַוייְזְט עֶר אַז דִי מִצְווֹת זֶענֶען בַּיי אִים חָשׁוּב, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): **כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם עִם אֱלֹקָיו**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, אִיז אַ סִימָן אַז זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער.

קוּמְט אוֹיס, אַז פוּן אֵיין זַייט דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג – אוּן אֶפְשָׁר אִיז דָאס דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג – אוּן עֶר וֶועט דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס אִים אוֹיךְ מְחַזֵק, אַז בָּרוּךְ הַשֵּׁם, דָא אוֹיף

דֶער וֶועלְט מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן אִיז אַזַא מְגוּשָּׁם'דִיגֶער מֶענְטְשׁ וְוִי מִיר, זוֹכֶה צוּ גְלַייבְּן אִין בַּאשֶׁעפֶער אוּן רֶעדְן צוּ אִים, וָואס יֶעדְן דִיבּוּר וָואס מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע הַצְלָחָה, אוּן אִיךְ בִּין נָאךְ זוֹכֶה מְקַיֵּים צוּ זַיין מִצְווֹת, אוּן כָּל שֶׁכֵּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ לֶערְנֶען מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, וַוייל נָאר דָאס וֶועט אִים בְּלַייבְּן.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (הַלָכוֹת פֶּסַח שָׁם): דָאס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שִׂמְחָה וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט זֵייעֶר נִיגוּן: וַוי לָן דְמִיתְנָן וַוי לָן דְמִיתְנָן. וַוייל נָאכְן שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען מֶער נִישְׁט קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי אַלֶע מִצְווֹת וָואס מֶען קֶען יֶעצְט מְקַיֵּים זַיין. אוּן אוֹיבּ וֶועט אַ מֶענְטְשׁ זָאגְן: וָואס זָאל אִיךְ טוּהְן, אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין דוּרְךְ גֶעפַאלְן?! דַארְף מֶען וִויסְן אַז וִוילַאנְג מֶען לֶעבְּט קֶען מֶען אוֹיף אַלֶעם תְּשׁוּבָה טוּהְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לה): תְּשׁוּבָ"ה אִיז דִי וֶוערְטֶער: תָּשׁוּב - ה, שְׁטֶעל צוּרִיק דִי אוֹת 'ה'; דָאס הֵייסְט, דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'ה', וַוייל עֶס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ פִינֶעף זַאכְן, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן: נֶפֶשׁ, רוּחַ, נְשָׁמָה, חַיָה, יְחִידָה, אוּן דָאס אִיז דֶער 'ה' וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ. אוֹיךְ זָאגְט דִי גְמָרָא (בְּרָכוֹת י ע"א): דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז דָא אִין פִינֶעף וֶועלְטְן; קוּמְט אוֹיס, אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ אִיז דוּרְכְגֶעפַאלְן, אִיז זַיין תְּשׁוּבָה אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט צוּרִיק צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַודֶה. אַזוֹי וִוי דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, פֶּרֶק א, הֲלָכָה א): דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז וִידוּי דְבָרִים. דָאס הֵייסְט, מֶען דַארְף זָאגְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעקוּקְט, זַיי מִיר מוֹחֵל. אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעהֶערְט, זַיי מִיר מוֹחֵל. אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶערֶעדְט, זַיי מִיר מוֹחֵל. אוּן דֶער רַמְבַּ"ם לֵייגְט נָאךְ צוּ (שָׁם): כָּל הַמַּרְבֶּה לְהִתְוַודּוֹת הֲרֵי זֶה

מְשׁוּבָּח, וֶוער עֶס רֶעדְט זִיךְ מֶער אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז עֶר מֶער אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט.

דֶערְפַאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, דְרֵייט עֶר אִיבֶּער אוּן מַאכְט דֶערְפוּן אַ תְּפִלָּה, אוּן בֶּעט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! דֶער יֵצֶר הָרַע בְּרֶענְט אִין מִיר, וָואס זָאל אִיךְ טוּעֶן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ ווִיל זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִיד. אוּן אַזוֹי זָאגְט עֶר אַרוֹיס אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוערְט דֶערְפוּן אַזַא מִין פַארְגֶענוּגְן אִין הִימְל, וָואס מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן, אוּן עֶס וֶוערְט דֶערְפוּן אָן אַ שִׁיעוּר נַייֶע עוֹלָמוֹת (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, אוּמְנִין הֲלָכָה ד׳).

מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס יֶעדֶער אִיד פַּארְמָאגְט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּעֶן ווִילַאנְג עֶר לֶעבְט, אוּן ווִיבַאלְד מֶען וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, אִיז מֶען פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן רַחְמָנָא לִצְלָן, בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי רַבָּנִים פְּרוּבִּירְן טַאקֶע צוּ מַאכְן פַארְשִׁידֶענֶע תַּקָּנוֹת צוּ רַאטֶעוֶועןְ דִי דוֹרוֹת,

אָבֶער דִי עִיקָר תַּקָנָה אִיז, אַז בָּחוּרִים זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן וָואס יוּנְגֶער, וַוייל מַה יַּעֲשֶׂה הַבֵּן שֶׁלֹּא יֶחְטָא?! [אַגַב, מֶען דַארְף אָנְזָאגְן פַאר בָּחוּרִים זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן פוּן מְנוּוָלִים, וַוייל עֶס אִיז - רַחְמָנָא לִצְלָן - הַיינְט אַ מוֹרָא'דִיגֶער דוֹר פָּרוּץ.]

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: וֶוען אִיךְ וָואלְט גֶעקֶענְט וָואלְט אִיךְ אַיינְגֶעפִירְט: נֶעכְטְן תַּנָאִים אוּן הַיינְט חֲתוּנָה אוּן אִיר צוּגְרֵייטְן זִיבְּן טֶעג פְרִיעֶר. [בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן דָאס בַּאוִויזְן אוּן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, אוּן זֵיי הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶס הֵייסְט אַ חֵטְא. אוּן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת פוּן אַ חֲתוּנָה-נַאכְט, הָאבְּן מִיר אוֹיךְ גֶעמַאכְט אַ תִּיקוּן, מִיר הָאבְּן גֶעבּוֹיעֶט אַ חֲתוּנָה-זַאל, וָואס דֶער גַאנְצֶער זַאל מִיט דִי סְעוּדָה מִיט אַלֶע צוּגֶעהֶערְן, אִיז פַאר אוּמְזִיסְט, דִי עֶלְטֶערְן פוּן בֵּיידֶע זַייטְן דַארְפְן נָאר פָּשׁוּט קוּמֶען צוּ דִי חֲתוּנָה זַאל, דָאס אִיז אַ מְצִיאוּת וָואס מֶען קֶען דָאס גֵיין נָאכְקוּקְן.]

## ב.

דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה זָאגְט (בַּמִדְבָּר יג, ג): **כֻּלָּם אֲנָשִׁים רָאשֵׁי בְנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה**, אַלֶע מְרַגְלִים זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע אוּן חָשׁוּבֶ׳ע מֶענְטְשְׁן. דָאךְ זָאגְט רַשִׁ״י (שָׁם יג, כו): אַז זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין **רָאשֵׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען רְשָׁעִים, וַוייל זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַקֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן אַקֶעגְן דִי מְצִיאוּת, וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער וָואס הָאט מְגַלֶה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רַשִׁ״י זָאגְט (בַּמִדְבָּר יג, ב): פַארְוָואס שְׁטֵייט דִי פַּרְשָׁה פוּן מְרַגְלִים לֶעבְּן דִי פַּרְשָׁה פוּן מִרְיָם, וָואסְפַארַא שַׁייְכוּת הָאט דָאס? נָאר מֶען זֶעהְט בַּיי מִרְיָם הַנְבִיאָה, וָואס כָאטְשׁ זִי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן זִי אִיז גֶעוֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ׳ס שְׁוֶועסְטֶער, אוּן אִין אִיר זְכוּת הָאבְּן מִיר גֶעהַאט צוּ טְרִינְקֶען פֶערְצִיג יָאר אִין מִדְבָּר פוּנֶעם **בְּאֵר** (תַּעֲנִית ט ע״ב); נָאר וִויבַּאלְד זִי הָאט גֶעפְרֶעגְט קַשְׁיוֹת אוֹיף מֹשֶׁה, אוּן גֶעזָאגְט (בַּמִדְבָּר יב, ב): וָואס עֶפֶּעס אִיז מֹשֶׁה אַזוֹי

גְרוֹיס, גַּם בָּנוּ דִּבֵּר ה׳, מִיט אוּנְז הָאט אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶערֶעדְט?! אִיז זִי גֶעוָוארְן קְרֶעצִיג. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי דִי חֵטְא פוּן דִי מְרַגְלִים, וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶערֶעדְט שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל זֵיי הָאבְּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועלְן זֵיי שׁוֹין נִישְׁט זַיין גְרוֹיס (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁלַח, קנח ע״א). וֶועגְן דֶעם אִיז דָאס דֶער זֶעלְבֶּער פְּגַם וִוי מִרְיָם. אָבֶּער דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז גְלַייךְ מֵעִיד (בַּמִדְבָּר יב, ג): **וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה**, מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז גֶעוֶועזְן אַ עָנָיו מֶער וִוי יֶעדְן בַּאשֶׁעפֶענִישׁ וָואס אִיז פַארְהַאנֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן יא): **גֵיאוּת מִיט נִיאוּף** אִיז גֶעוָואנְדְן אֵיינְס אִינֶעם אַנְדֶערְן; אוּן עַל פִּי רוֹב אַז מֶען זֶעהְט אֵיינֶער שְׁטוּפְּט זִיךְ פַאר כָּבוֹד, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר אִיז אַ פָּשׁוּטֶ׳ער ׳נוֹאָף׳, וָואס דָאס קֶען קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אַז מֶען מַאכְט לֵיצָנוּת פוּן גוּטֶע זַאכְן, בִּפְרַט פוּן בָּחוּרִים אוּן

יוּנְגֶעלַייט וָואס לֶערְנֶען לוֹיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

[חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ד ע״ב): **כָּל הָאוֹמֵר תְּהִלָּה לְדָוִד ג׳ פְּעָמִים בְּיוֹם**, וֶוער עֶס זָאגְט דְרַיי מָאל אַ טָאג דִי קַאפִּיטְל פוּן **אַשְׁרֵי** (תְּהִלִּים קמה), אִיז עֶר פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר אִיז אַ **בֶּן עוֹלָם הַבָּא**, וַוייל עֶס אִיז דָא דָארְט דֶער פָּסוּק (שָׁם, טז): **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ** וְכוּ׳, אוּן אוֹיךְ גֵייט דָאס לוֹיט דִי א-ב. פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע, הֲלָכָה ה): וַוייל עֶס הָאט דִי א-ב, מִיטְן פָּסוּק **פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ** אִיז דָאס שׁוֹין אַזוֹי גְרוֹיס?! נָאר דֶער עִיקָר מְנִיעָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ צוּ צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת רַבָּה לא, יב): אַז מֶען זָאל לֵייגְן אַלֶע צָרוֹת אוֹיף אֵיין זַייט וָואגְשָׁאל, אוּן אָרֶעמְקֵייט אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע זַייט וָואגְשָׁאל, וֶועט אָרֶעמְקֵייט אִיבֶּערְוֶועגְן. וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן דִירָה גֶעלְט אָדֶער פַארְן גְרָאסֶערִי, אָדֶער עֶר הָאט נִישְׁט צוּ בַּאצָאלְן שְׂכַר לִימוּד פַאר דִי קִינְדֶער אוּן מֶען שִׁיקְט אִים

אַהֵיים דִי קִינְדֶער, אִיז עֶר צוּבְּרָאכְן אוּן עֶס אִיז אִים זֵייעֶר בִּיטֶער, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז פַּרְנָסָה אִיז פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז עֶר קֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס זַיין גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה.

אוּן אוֹיב הָאט עֶר נִישְׁט וָואס צוּ רֶעדְן, וֶועגְן דֶעם אִיז דָא דִי א-ב, וָואס דוּרְכְדֶעם קֶען עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מְסַדֵר זַיין וָואס צוּ רֶעדְן, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין דִיבּוּרִים, לְמָשָׁל, אוֹיף דֶעם אוֹת א׳ קֶען עֶר בֶּעטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! זֶעה אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע אֶ׳מוּנָה, זֶעה אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן אַז דוּ בִּיזְט דָא. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי״ע בֶּעט אִין זַיין תְּפִלָּה: וּתְהֵא אֱמוּנָתְךָ קְשׁוּרָה בְּלִבֵּנוּ כְּיָתֵד שֶׁלֹא תִמּוֹט, אִיךְ זָאל דִיר שְׁפִּירְן אַזוֹי וִוי אַן אַרַיינְגֶעהַאקֶטֶע נָאגְל אִין דֶער עֶרְד וָואס מֶען קֶען נִישְׁט רִירְן פוּן פְּלַאץ, אַזוֹי זָאל אִיךְ זַיין שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה. נָאכְדֶעם אֱ׳מֶת, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן בַּיים אֱמֶת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קיב): אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין אַרַיין גֶעפַאלְן וואוּ עֶר אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן, אָבֶּער אוֹיב עֶר רֶעדְט אַ דִיבּוּר מִיט אַ

אֱמֶת לוֹיט זַיין מַצָב, אוּן עֶר זָאגְט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר בִּיטֶער, אִיךְ בִּין מִיט דָאס אוּן דָאס דוּרְךְ גֶעפַאלְן, 'ה' הוֹשִׁיעָה' הֶעלְף מִיר וְכוּ', וֶועט עֶר קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין פִּינְסְטֶערְנִישׁ, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דָארְטְן, אַז וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל דַארְף בֶּעטְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן, עֶר זָאל כָּאטְשׁ אֵיינְמָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זָאגְן אַ דִיבּוּר אֱמֶת; וַוייל מֶען נַארְט זִיךְ, אוּן מֶען דַארְף בֶּעטְן אוֹיף אֱמֶת. נָאכְדֶעם אֲ'כִילָה, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ זָאל אָפְּגֶעהִיטְן וֶוערְן, נִישְׁט נִכְשָׁל צוּ וֶוערְן מִיט מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת, אִיךְ זָאל נָאר עֶסְן מִיט אַ הֶכְשֵׁר.

נָאכְדֶעם אוֹת ב': בְּ'רִית, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ זָאל הָאבְּן שְׁמִירַת הַבְּרִית, אִיךְ זָאל וֶוערְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דֶעם חֵטְא. בִּ'טָחוֹן, אִיךְ זָאל הָאבְּן בִּטָחוֹן אִין דִיר אַז דוּ וֶועסְט מִיר אַוַודַאי הֶעלְפְן, אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן. בּ'וּשָׁה, אִיךְ זָאל זִיךְ שֶׁעמֶען פוּן דִיר. קוּמְט אוֹיס, אַז אֵיינֶער הָאט דִי צְוֵויי זַאכְן: פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶיךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן, עֶר וֵוייסְט אַז פַּרְנָסָה אִיז נָאר

פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט עֶר הִתְבּוֹדְדוּת, דֶעמָאלְטְס אִיז עֶר זִיכֶער אַ בֶּן עוֹלָם הַבָּא]

דְרֵיי מָאל אַ טָאג זָאגְט מֶען אַשְׁרֵי בַּיים דַאוְוענֶען, דָאךְ זֶעהְט מֶען וֶוער הָאט אִינְזִין וָואס עֶר זָאגְט?! דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֶעהְן אַז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען זָאל מֶען כָאטְשׁ דוּרְךְ זָאגְן שַׁ״ס, אוּן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, וַוייל אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אוּן מֶען זָאגְט דָאס דוּרְךְ, קוֹדֶם הָאט מֶען אַ שַׁיְיכוּת מִיט רַבִינָא אוּן רַב אַשִׁי, מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אוּן רֶבִּי יְהוּדָה, אוּן אַזוֹי מִיט אַלֶע תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים, אוּן מִיט זֵיי חַבֶרְ׳ט מֶען זִיךְ, אוֹיךְ דוּרְכְדֶעם זָאגְט מֶען שֵׁמוֹת הַצַדִיקִים, אוּן נָאכְדֶעם טְרֶעפְט מֶען שׁוֹין שֵׁיינֶע מַאֲמָרֵי חַזַ״ל, אוּן אַז מֶען זֶעהְט אַ אִינְטְרֶעסַאנְטֶע גְמָרָא, קוּקְט מֶען שׁוֹין אַרַיין וָואס רַשִׁ״י זָאגְט אָדֶער וָואס תּוֹסְפוֹת זָאגְט אוֹיף דֶעם, אוּן אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען אַ חֵשֶׁק.

דֶער גֶערֶער רֶבִּי, בַּעַל אִמְרֵי אֱמֶת זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף דִי צַייט, הָאט עֶר

גֶעהַאט שִׁיעוּרִים מִיט אֵיינֶעם זִיבְּן מִינוּט, מִיט אֵיינֶעם צֶען מִינוּט, צוּ וַוייזְן וָואס מֶען קֶען דוּרְכְלֶערְנֶען אִין זִיבְּן מִינוּט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוָואגֶער וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים פַּאר פּוּרִים יֶעדְן טָאג זִיבְּן מִינוּט מַסֶכְתָּא מְגִילָה, נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ הָאט עֶר דָאס גֶעעֶנְדִיגְט.

אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט דִי טֵייעֶרְקַייט פוּן מִינוּטְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַּאר זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען פַּאר שַׁבָּת אַרוֹיסְהֶעלְפְן מְסַדֵר זַיין דִי שְׁטוּבּ, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין אַלֶעס גֶעהַאט גֶעעֶנְדִיגְט אוּן עֶס אִיז אִים נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן בִּיז לִיכְט צִינְדְן פִינֶעף מִינוּט, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן אוּן גֶעזָאגְט: גְרוֹיסֶע פִינֶעף מִינוּט! כְּדֵי צוּ וַוייזְן וָואס פִינֶעף מִינוּט אִיז. אוֹיךְ אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֵיינְמָאל גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי מְזוּזָה אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, אוּן גֶעבֶּעטְן אַז נָאךְ פִינֶעף מִינוּט זָאל מֶען אִים גֶעבְּן אַ קְלַאפּ.

נָאר בַּיי אוּנְז אִיז דָאס זֵייעֶר מְזוּלְזָל, אוּן אַ מֶענְטְש כַאפְּט נִישְׁט אַז אִין פִינֶעף מִינוּט קֶען עֶר דוּרְךְ לֶערְנֶען אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, דוּרְכְזָאגְן צְוֵויי דְרֵיי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אָבֶער דֶער וָואס עֶר הָאט דֶעם אֱמֶתְ׳ן שֵׂכֶל, אִיז בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע מִינוּט.

דֶערְפַאר אַז אֵיינֶער לֶערְנְט אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וֶועט עֶר מוֹרָא׳דִיג מַצְלִיחַ זַיין, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ וֶועט עֶר וֶוערְן בָּקִי אִין אַלֶע פְלֶעצֶער פוּן דִי תּוֹרָה. דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִדְבָּר רַבָּה א, ח): פַארְוָואס אִיז דִי תּוֹרָה גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אִין מִדְבָּר? וַוייל דֶער מִדְבָּר אִיז אַ מָקוֹם הֶפְקֵר, דָאס זֶעלְבֶּע דִי תּוֹרָה אִיז הֶפְקֵר, עֶס גֵייט נִישְׁט בִּירוּשָׁה, אוּן וֶוער עֶס וִויל קֶען זוֹכֶה זַיין אִין דֶעם.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי פְּגַם פוּן דִי מְרַגְלִים, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז דָא אִין מִדְבָּר זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען אַזוֹי גְרוֹיס אָבֶּער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועלְן זֵיי שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין, וַוייל אַלֶע אִידְן וֶועלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מַדְרֵגָה, הָאבְּן זֵיי גֶעקְרִיגְט.

## ג.

**טוֹבָה הָאָרֶץ מְאֹ"ד מְאֹ"ד** (בַּמִדְבָּר יד, ז), זָאגְן צַדִיקִים (אִמְרֵי יוֹסֵף, לֶךְ לְךָ, בְּשֵׁם הרה"ק רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדִיל מְוִויטֶעפְּסְק זי"ע): מֶען זֶעהְט אַז דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ד, ד), דֶעם לָשׁוֹן בַּיי דִי מִדָה פוּן עֲנָוָה: **מְאֹד מְאֹד הֲוֵי שְׁפַל רוּחַ**, וַוייל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָאט אִין זִיךְ אַ סְגוּלָה פוּן עֲנָוָה (זֶרַע קוֹדֶשׁ, שְׁלַח), אַז וֶוער עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אִיר, וֶוערְט עֶר בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, וַוייל עֶר וֶוערְט נִכְלָל אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט דָאס (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן מז), אוֹיף דֶעם וָואס דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: וִוי אַזוֹי קֶען מֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עֶס אִיז דָאךְ אַן **אֶרֶץ אֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ**?! (בַּמִדְבָּר יג, לב), דָאס הֵייסְט, זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט אִין דִי שַׁאנְד פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אַז מֶען שְׁטַארְבְּט דָארְטְן, פְּרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אֱמֶת טַאקֶע אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דִי גְנוּת, אָבֶּער דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה אִיז דָאךְ אַ תּוֹרַת אֱמֶת, וְוִיאַזוֹי שְׁטֵייט דִי שֶׁקֶר - וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט - אִין דִי תּוֹרָה, מוּז דָאךְ זַיין אַז אִין דִי וֶוערְטֶער אִיז מְרוּמָז עֶפֶּעס אַן אֱמֶת אוֹיךְ?

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קכט): דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּן זַיין מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק אִיז צוּ פָאלְגְן דֶעם צַדִיק, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם צַדִיק, וֶוערְט מֶען אַרַיינְגֶעגֶעסְן אִינֶעם צַדִיק, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט אֱמוּנָה, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְּן אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן דֶעמָאלְטְס וֶוערְט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעסְן צוּ אֱמוּנָה, דָאס הֵייסְט עֶר אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱמוּנָה, עֶר רֶעדְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר הָאט נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע דִיבּוּרִים, דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט, עֶס אִיז אַן: 'אֶרֶץ אֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ', דָאס הֵייסְט אַז אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עֶסְט אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּ אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, ג): **שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה.**

אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת פַאר אַ מֶענְטְשׁ צוּ וִויסְן, אַז וֶוען עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין אֱמוּנָה, דֶעמָאלְטְס וָואס עֶר זָאל נָאר נִישְׁט הָאבְּן אָפְּגֶעטוּעֶן חַס וְשָׁלוֹם, אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

מוֹחֵל, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): **עַל יְדֵי אֱמוּנָה יִסְלַח לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ**, דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִּיק דַארְף עֶר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, אַז - בָּרוּךְ הַשֵּׁם - עֶר מַאכְט מִיר כָּאטְשִׁיג אוֹיף דִי אוֹיגְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן סז): דֶער צַדִּיק מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, און דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ קוּקְן אוֹיף זִיךְ. אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער צַדִּיק אַרַיין אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חַיּוֹת (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ח), און כָּאטְשִׁיג עֶר אִיז אַזוֹי נִידֶערִיג הֵייבְּט עֶר אִים אוֹיף זֵייעֶר הוֹיעֶךְ, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ בִּין אַזוֹי ווִי אַ נַנָס [זֵייעֶר אַ קְלֵיינֶע מֶענְטְשׁ] וָואס הָאט זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אוֹיפְן רוּקְן פוּן אַ רִיז. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקוּרָב צוּ אַ צַדִּיק, כָּאטְשׁ עֶר אִיז טַאקֶע גָארְנִישְׁט, דָאךְ זִיצְט עֶר אָבֶּער אוֹיף אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק.

חַזַ"ל זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה כז, ג-ו): אוֹיף יִתְרוֹ וָואס אִיז אַנְטְלָאפְן צוּ מֹשֶׁה אִין מִדְבָּר, אַ מָשָׁל, צוּ אַ פַּאנְגֶער וָואס כַאפְּט פֵייגְלֶעךְ, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעזֶעהְן גָאר אַ שֵׁיינֶע פֵייגְל אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעוָואלְט כַאפְּן, הָאט זִיךְ דֶער פֵייגְל אַרָאפּ גֶעזֶעצְט אוֹיפְן קְרוֹין פוּן קֵיסֶר, הָאט עֶר אִיר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט שִׁיסְן, וַוייל אֵיין טָעוּת אַז עֶר מַאכְט, הָאט עֶר אַרַיין גֶעשָׁאסְן אִינֶעם קֵיסֶר. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען יִתְרוֹ אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן זִיךְ בַּאזֶעצְט לֶעבְּן אִים, הָאט בִּלְעָם גֶעזָאגְט (בַּמִדְבָּר כד, כא): עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אוֹיף זֵייעֶר אַ גוּטְן פְּלַאץ.

אוּן אַז מֶען אִיז שׁוֹין יָא מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף מֶען אִים פָּאלְגְן, אוּן יֶעדְן טָאג רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אֲפִילוּ מֶען זֶעהְט נָאךְ נִישְׁט קַיין יְשׁוּעָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רלד): וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵק זַיין צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ עֶס גֵייט דוּרְךְ יָארְן אוּן עֶר זֶעהְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, מִיט דֶעם אַלֶעם זָאל עֶר נִישְׁט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן פוּן דֶעם, וַוייל יֶעדֶע וָוארְט

מַאכְט אַ רוֹשֶׁם אִין הִימְל, הָאט דָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל: ווִי עֶס טְרָאפְּט וַואסֶער אוֹיף אַ פֶּעלְזְן שְׁטֵיין, וָואס עֶס קוּקְט אוֹיס אַז עֶס קֶען דָאס נִישְׁט דוּרְךְ לֶעכֶערְן, אָבֶער אַז עֶס טְרָאפְּט אוּן טְרָאפְּט אָן אוֹיפְהֶער, וֶועט דָארְט בַּיים סוֹף וֶוערְן אַ לָאךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ 'לֵב הָאֶבֶן', אַ שְׁטֵיינֶערְנֶע הַארְץ, אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נָאךְ אוּן נָאךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, מַאכְט עֶר אַ לָאךְ אִין דֶעם 'לֵב הָאֶבֶן', בִּיז עֶס וֶוערְט אִינְגַאנְצְן גֶעעֶפֶענְט.

וֶועגְן דֶעם זָאל אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן זָאגְן: וֶוער הֶערְט מִיר אוֹיס?! נָאר וַוייטֶער רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ בַּאפְלַייסְט זִיךְ, אוּן רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁפִּירְט עֶר שׁוֹין נָאכְדֶעם אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן מֶען קֶען שְׁטֶענְדִיג - אוּן יֶעדֶע זַאךְ - רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

ד.

דער פּסוק זאָגט (בּמדבּר יג, יז-יט): משה רבּינו האָט געשיקט די צוועלעף מרגלים און ער האָט זיי אָנגעזאָגט: זיי זאָל קוקן אויבּ עס איז אַ שטאַרקע לאַנד אָדער אַ שוואַכע לאַנד, און ער האָט זיי געגעבּן אַ סימן, אויבּ איז דאָס אַן אָפּענע שטאָט, זענען זיי גבּורים, און זיי האָבּן נישט קיין מורא, אָבּער אויבּ איז דאָס אַ פאַרמאַכטע, איז דאָס אַ סימן אַז זיי זענען שוואַך און האָבּן מורא.

און דאָס איז אַ לימוד זיך צו לערנען בּיי יעדע פּרט, און אויך בּיים הייליגן רבּינ׳ס זאַך, די וואָס זאָגן שטענדיג: קום נאָר אין אונזער בּית המדרש, און אין אונזער חבורה, נאָר בּיי אונז איז דער אמת, און אַלע זענען אין שקר, איז דאָס אַ סימן אַז זיי זענען שוואַך, ווייל פאַרוואָס דאַרף מען אַזוי מורא האָבּן, אַדרבּה, כּלל ישׂראל זענען אמת, כּלל ישׂראל זענען צדיקים, אַזוי ווי דער פּסוק זאָגט (דברי הימים-א, יז, כא): מי כּעמך ישׂראל גוי אחד בּארץ, וואו איז נאָך דאָ

אַזַא טַייעֶרֶע פָּאלְק אַזוֹי וְוי אִידִישֶׁע קִינְדֶער. אוּן דָאס וָואס מֶען זֶעהְט, אַז נִישְׁט יֶעדֶער פִּירְט זִיךְּ אַזוֹי וְוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אִיז דָאס נָאר צוּלִיבּ דִי פַּאלְטְשֶׁע מַנְהִיגִים, וָואס זֵיי פַּארְפִירְן דָאס פָּאלְק, אוּן עֶס אִיז אַ בִּיטֶערֶער רַחְמָנוּת, צוּ זֶעהְן וְוי **רְשָׁעִים אֲרוּרִים**, דִי **עֶרֶב-רַב** זֶענֶען מַעֲבִיר **עַל הַדַּת** מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן פּוּנְקְט אַזוֹי וְוי דִי **עֲמָלֵקִים יִמַּח שְׁמָם** הָאבְּן אוּמְגֶעבְּרֶענְגְט מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער **בְּגַשְׁמִיּוּת**, הָאבְּן דִי פַּארְשָׁאלְטֶענֶע **עֶרֶב-רַב** אָפְּגֶע׳הַרְגֶ׳עט מִילְיָאנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער **בְּרוּחָנִיּוּת**, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אַלֶע אִידְן הֵיילִיג אוּן טַייעֶר, בִּפְרַט דִי סְפַרְדִים זֶענֶען מוֹרָא׳דִיג שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה, אוּן מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם מְרַחֵק זַיין.

אָבֶּער אַז מֶען אִיז אָפֶּען, וַוייזְט דָאס אוֹיף שְׁטַארְקֵייט אוּן אֱמֶת, אַז דוּ ווילְסְט וֶועסְטוּ קוּמֶען, אוּן אַז דוּ ווילְסְט נִישְׁט מוּזְטוּ נִישְׁט קוּמֶען, מֶען דַארְף נָאר זָאגְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט, אֶפְשָׁר וֶועלְן זִיךְּ אִידְן מְחַיֶה זַיין מִיט דִי וֶוערְטֶער אוּן נִיצְן דִי עֵצוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן כג):

אִין הִימְל שְׁרֵייעֶן נְשָׁמוֹת זֵיי זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, דוּרְשְׁטֶערִיג, זֵיי זֶענֶען נַאקֶעדִיג אוּן בָּארְוֶועס, בְּרֶענְגְט מֶען זֵיי עֶסְן, טְרִינְקֶען, אוּן קְלֵיידֶער, זָאגְן זֵיי: נִישְׁט דָאס דַארְפְן מִיר! מִיר דַארְפְן תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, פִּירְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיס: וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן טְרִינְקְט נָאךְ אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹות.

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעטְרָאפְן אַ בְּרֶסְלֶבְ'ן חָסִיד וֶוען עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר גֶעהַאט אַ חוּמָשׁ, אַ מִשְׁנַיוֹת, מִיט אַ תְּהִלִים, אוּן אַ לָאנְטְשׁ בֶּעג אוֹיכֶעט, זָאגְט עֶר מִיר: אִיךְ נֶעם מִיט אַ לָאנְטְשׁ פַארְן גוּף, אוּן אַ לָאנְטְשׁ פַאר דִי נְשָׁמָה, פֵּיאוֹת הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, צִיצִית הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אַ בָּארְד הָאבּ אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם, קוּמְט אוֹיס אַז אִיךְ בִּין אָנְגֶעטוּהְן מִיט מִצְוֹות, וֶועגְן דֶעם נֶעם אִיךְ מִיר מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת מִיט אַ תְּהִלִים, וָואס דָאס אִיז עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען פַאר דִי נְשָׁמָה, אַזוֹי בִּין אִיךְ מְקַיֵּים דֶעם רָצוֹן פוּן הֵיילִיגְן

רֶבִּי׳ן. דָאס הֵייסְט אֶמֶתְ׳ע הִתְקָרְבוּת צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַז מֶען טְרַאכְט וָואס וֶועט זַיין בַּיים סוֹף.

ה.

**וּמָה הָאָרֶץ הַשְּׁמֵנָה הוּא אִם רָזָה, הֲיֵשׁ בָּהּ עֵץ אִם אַיִן, וְהִתְחַזַּקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ** (בַּמִּדְבָּר יג, כ): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זֵיי גֶעהֵייסְן זֵיי זָאלְן נֶעמֶען פוּן דִי פֵּירוֹת פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אוּן אֵיין מֶענְטְשׁ הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט אַ רִיזִיגְן מִילְגְרוֹים, אֵיינֶער אַ רִיזִיגְן פַייג, אוּן אַכְט מֶענְטְשְׁן אַ גֶעהֶענְגְל טְרוֹיבְּן, אָבֶּער יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען. הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ בְּרֶסְלֶבֶע׳ר חָסִיד, רֶבִּי אֶפְרָיִמ׳ל פְּשֶׁעדְבָארְזְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (בְּסִפְרוֹ עוֹנֶג שַׁבָּת, פַּרְשַׁת שְׁלַח): הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: פַארְוָואס הָאבְּן יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב גָארְנִישְׁט גֶענוּמֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט פַאר יֶעדְן מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מִפְּרִי הָאָרֶץ? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶענוּמֶען, וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט: ׳וְהִתְחַזַּקְתֶּם׳ ׳וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ׳. דִי צֶען מְרַגְּלִים,

הָאבְּן טַאקֶע גֶענוּמֶען פוּן דִי פֵּירוֹת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט מְחַזֵק גֶעוֶוען וֶוען עֶס אִיז אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף זֵיי דִי מוֹרָא׳דִיגֶער נִסָיוֹן, אָבֶּער יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם ׳וְהִתְחַזַקְתֶּם׳, דָאס הִתְחַזְקוּת, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ מְחַזֵק זַיין אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייטְן.

נָאךְ אַ זַאךְ זֶעהְט מֶען, פַאר יְהוֹשֻׁעַ בֶּן נוּן הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ צוּגֶעלֵייגְט אַ י׳, אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף אִים: יָ-הּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְלִים (רַשִׁ״י, בַּמִדְבָּר יג, טז), אוּן וֶוען כָּלֵב הָאט גֶעזֶעהְן אַז פַאר יְהוֹשֻׁעַ הָאט מֶען אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן אוּן פַאר אִים נִישְׁט, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען בִּיז חֶבְרוֹן בֶּעטְן בַּיי דִי קִבְרֵי צַדִיקִים: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! הָאבּ רַחְמָנוּת בִּזְכוּת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, שָׂרָה רִבְקָה לֵאָה אַז אִיךְ זָאל נִיצוֹל וֶוערְן. פְּרֶעגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (שְׁלַח, קנח ע״ב): וִוי אַזוֹי הָאט כָּלֵב נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין אַלֵיין אִין חֶבְרוֹן, וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי אַלֶע זֶעקְס רִיזְן?! זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר: וֶוער עֶס אִיז אִין אַ צָרָה קוּקְט נִישְׁט אוֹיף

גָארְנִישְׁט; אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט וֶוער עֶר אִיז, אַז עֶר אִיז דֶער נִידֶערִיגְסְטֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאנֶען, אוּן עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען - פוּן וֶוען דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט צוּ בַּאשַׁאפְן מֶענְטְשְׁן, בִּיז צוּם סוֹף וֶוען עֶר וֶועט פַארְמַאכְן דִי וֶועלְט - אַזַא נִידְרִיגֶע נְשָׁמָה, דֶעמָאלְטְס קֶען אִים שׁוֹין קֵיינֶער נִישְׁט אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן צַדִיק, וַוייל אַז מֶען הָאט אִים אַלֶעמָאל גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן דָא קוּמְט אַזַא הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן הֵייבְּט אִים אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיף, אוּן גֶעט אִים אַרַיין אַזַא הָאפֶענוּנְג אוּן חַיוּת, דֶערְשְׁרֶעקְט עֶר זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט פוּן קֵיינֶעם, אוּן עֶר קוּקְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, אוּן הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּיים צַדִיק.

אַ בָּחוּר הָאט מִיר אַמָאל גֶעזָאגְט: אִיר הָאט מִיר גֶעמַאכְט פַאר אַ מִילְיָאנֶער. וַוייל יֶעדֶער הָאט מִיר שְׁטֶענְדִיג גֶעזָאגְט אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, אוּן אוֹיךְ אִין אַלֶע כִּתּוֹת הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען אַ זִירָא אוֹיף דִי פַארְהֶער, אוּן אִיר הָאט מִיר נָאר צוּגֶעלֵייגְט דֶעם

אֵיינְס נָאךְ דִי אַלֶע זִירָאס בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַ בִּילְיָאנֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ צוּפַאלְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אַזוֹי וִוי יְהוֹשֻׁעַ אוּן כָּלֵב הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַקְתֶּם' זָאלְן מִיר אוֹיךְ נֶעמֶען דֶעם 'וְהִתְחַזַקְתֶּם', זִיךְ מְחַזֵק צוּ זַיין, אוּן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"ש שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת קֹרַח תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְּמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

גֶעוֶועֶנְדְלִיךְ, וֶוער מִישְׁט זִיךְ אִין מַחְלוֹקֶת? נָאר לֵיידִיגְגֵייעֶרְס וָואס הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי צַייט, זַיי זֶענֶען בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת בַּעֲלֵי לָשׁוֹן הָרָע. אָבֶּער אַ אִיד וָואס הִיט דִי צַייט, הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צוּ מַחְלוֹקֶת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זַ״ל הָאט גֶעזָאגְט, ״דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶערֶעדְט הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן״. - דָאס הֵייסְט דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט אוּן זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ גֶעוֶועזְן, זֶענֶען דֶערְנָאךְ נִתְרַחֵק גֶעוָוארְן פוּן רֶבִּי׳ן. - אִיבֶּער דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ נִישְׁט מִישְׁן אִין מַחְלוֹקֶת.

דָאס אִיז בְּרֶסְלְבֶער חֲסִידוּת: לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם בּוֹרֵא כָּל הָעוֹלָמִים מִיט שִׂיחָה בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ, וָואס דָאס הֵייסְט הִתְבּוֹדְדוּת בֶּעטְן יֶעדֶע זַאךְ פוּן אִים. פִירְן זִיךְ מִיט גְרוֹיס דֶרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט זַיין קַיין עַז פָּנִים פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט, אָפְּשְׁוַוייגְן פַאר זַיין בִּזָיוֹן, אוּן שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילֶעךְ אוּן דֶערְהַאלְטְן זִיךְ.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק א׳ מִכְתַּב יב)

# אַ סוֹף צוּ מַחְלוֹקֶת

## א.

אִין פַּרְשַׁת קֹרַח רֶעדְט דִי תּוֹרָה אַרוּם בְּאַרִיכוּת דִי הַארְבְּקֵייט פוּן מַחְלוֹקֶת און וָואס עֶס אִיז דִי סוֹף פוּן אַלֶע בַּעֲלֵי מַחְלוֹקֶת; און לֵיידֶער הַאלְט דָאס נָאךְ אָן בִּיז דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. צַדִיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט אוֹיף דֶעם וָואס רַשִׁ״י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (בַּמִדְבָּר ט״ז א׳): **״פַּרְשָׁה זוּ יָפָה נִדְרֶשֶׁת״** וְכוּ׳, אַז דִי פַּרְשָׁה וָואס רֶעדְט זִיךְ פוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן קֹרַח אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ״יָפָה נִדְרֶשֶׁת״, וֶוערְט גוּט גֶע׳דַרְשֶׁ׳נְט און אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט אִין יֶעדֶע דוֹר. דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִדְבָּר כ״ו יא׳): **״וּבְנֵי קֹרַח לֹא**

מֵתוּ״, די קִינְדֶער פוּן קֹרַח זֶענֶען נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן. טַייטְשְׁן צַדִיקִים אַז אִין יֶעדְן דוֹר זֶענֶען דָא ׳בְּנֵי קֹרַח׳ וָואס מַאכְן אָן מַחְלוֹקֶת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט די מַעֲשֶׂה (עַיֵין סֵפֶר הַגִלְגוּלִים פֶּרֶק לה): וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ; עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין גְרוֹיסְן תַּלְמִיד רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זַ״ל אוּן אֵיינֶער אִיז אִים בַּאפַאלְן אוּן זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט, אוּן דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּטוּהְן גֶעמַאכְט, נָאר עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט די הַאנְט פוּן רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זַ״ל אוּן אִים גֶעוואוּנְקֶען עֶר זָאל זַיין שְׁטִיל אוּן גָארְנִישְׁט צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער יֶענֶער הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט אִים מְבַזֶה צוּ זַיין, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ; ״אִיר זֶענְט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט מוֹדֶה צוּ מִיר״? עֶנְטְפֶערְט עֶר; ״נֵיין בְּשׁוּם פָּנִים וְאוֹפָן״, אוּן עֶר אִיז נֶעְלָם גֶעוָוארְן. אוּן וִויבַּאלְד רֶבִּי חַיִים וִויטַאל זַ״ל אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר אַ נֵייגֶערִיגֶער תַּלְמִיד אוּן עֶר הָאט נָאכְגֶעקוּקְט אוּן גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקֵייט אוּן יֶעדֶע רִיר בַּיי זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי דֶער אֲרִ״י הַקָדוֹשׁ, הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט; רֶבִּי וֶוער אִיז

דָאס גֶעוֶועזן? עֶנְטְפֶערְט אִים זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי; דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין זִיךְ אַ נִיצוֹץ פוּן קֹרַח, אוּן אִיךְ הָאבּ אַ נִיצוֹץ פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, אוּן עֶר גֶעבְּט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיף. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת מְרִיבָה סִימָן פד): "**אִין יֶעדְן בַּעַל מַחְלוֹקֶת אִיז דָא אַ נִיצוֹץ פוּן [קֹרַח] דָתָן וְאַבִירָם**". אוּן דָאס זֶעהְט מֶען אַז בַּיי יֶעדֶע מַחְלוֹקֶת אִיז אַלְץ דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁפְּרִינְגֶען אוֹיף אוּן מוּזְן זִיךְ קְרִיגְן.

## ב.

רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (שָׁם ט"ז א): '**וַיִּקַּח קֹרַח**'; קֹרַח הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשֵׁיידְט אוּן אָפְּגֶעטֵיילְט פוּנֶעם גַאנְצֶען צִיבּוּר אוֹיף אַן עֶקְסְטֶערֶע זַייט. אוּן דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער פְּגָם, וַוייל דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז, עֶר זָאל זִיךְ מְקַשֵׁר זַיין מִיט כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, אוּן אַלֶע מִצְווֹת אוּן תְּפִילּוֹת אוּן אַלֶעס וָואס עֶר לֶערְנְט זָאל גֶעטוּהְן וֶוערְן מִיט הִתְקַשְּׁרוּת אִין

צוּגֶעבִּינְדֶענְקַייט צוּ גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, וַוייל אֶפְשָׁר דוּרְךְ זְכוּת הָרַבִּים וֶועט עֶר אוֹיכֶעט גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן.

מֶען פַארְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב זי"ע דֶער בַּעַל אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַמָאל בַּארִימְט; דָאס וָואס מַיין סֵפֶר הֵייסְט 'אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל' אִיז זֵייעֶר פַּאסִיג, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ אַלֶע אִידְן אַז אֲפִילוּ פוּן דִי שְׂכַר פוּן מַיינֶע מִצְוֹת וָואס אִיךְ טוּה צֶעטֵייל אִיךְ זִיךְ מִיט אַלֶע אִידְן. קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד דַארְף זַיין שְׁטֶענְדִיג מְחוּבָּר מִיט נָאךְ אִידְן, וָואס אַזוֹי אַרוּם וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן א'): "יֶעדֶער אִיד דַארְף זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן עֶר זָאל זַיין אַזוֹי גְרוֹיס עֶר זָאל גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף מַלְאָכִים". וַוייל יֶעדֶער אִיד הָאט אִין זִיךְ צְוֵויי מַלְאָכִים, דֶער יֵצֶר טוֹב אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א סִימָן ע"ב): דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז אַ מַלְאָךְ אוּן מֶען דַארְף אִים קֶענֶען בֵּייקוּמֶען. אוּן וֶועגְן דֶעם וֶועט עֶר אָנְגֶערוּפְן 'יֵצֶר הָרַע' וַוייל עֶר בַּאשַׁאפְט אִין מֶענְטְשׁ דֶעם 'רַע' עֶר זָאל זַיין אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, דָאס

מֵיינְט 'יֵצֶ"ר הָרַ"ע' עֶר אִיז מְיַיצֵר דֶעם רַע, (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן מ"ט). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רמ"ט): [פַאר אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ נֶערְוֶועזֶער אוּן גֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר פְלֶעגְט שְׁלָאגְן זַיינֶע אַרְבֶּעטֶער מַכּוֹת רֶצַח וֶוען עֶר אִיז גֶעוָוארְן אִין כַּעַס]; פַארְוָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לח, ז); 'וַיְהִי עֵר רַע בְּעֵינֵי הֲוַיָ'ה', עֵר אִיז גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס אוֹיגְן. וַוייל עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית אוּן מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָלָה גֶעוֶוען רַחֲמָנָא לִצְלָן, עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין; 'וַיְהִי עֵר 'רָשָׁע' בְּעֵינֵי הֲוַיָ'ה'? נָאר אַז אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף דֶעם חֵטְא אִיז עֶר אַ אִישׁ רַע, אַ בֵּייזֶער מֶענְטְשׁ אוּן שְׁטֶענְדִיג אוֹיפְגֶערֶעגְט. עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ תַּעֲנוּג צוּ טוּעֶן יֶענֶעם שְׁלֶעכְטְס, אָדֶער אִין שְׁטוּבּ צוּ פַּיינִיגְן דִי וַוייבּ, אוּן טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אָן פָּשׁוּט אוֹיף דִי גְרָאדֶע וֶוענְט אוּן סֶעקִירְט זַיין וַוייבּ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. דָאס אִיז 'יֵצֶר הָרַע', וַוייל מֶען בַּאשַׁאפְט דָאס שְׁלֶעכְט דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן. אוּן דָאס דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אוּן נָאר טוּהְן טוֹבוֹת אוּן הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן. וִוידֶערְאוּם אִיז דָא

דֶער ׳יֵצֶר טוֹב׳ וָואס אִיז אוֹיךְ אַ מַלְאָךְ אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן אַ מֶמְשָׁלָה! וַוייל עֶר וִויל אַיינְרֶעדְן דִי מֶענְטְשׁ; דוּ לֶערְנְסְט דָאךְ גוּט, דוּ דַאוֶוענְסְט גוּט, דוּ וֶועסְט דָאךְ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ שְׂכַר, דַארְף מֶען הָאבְּן אַ מֶמְשָׁלָה אוֹיף אִים, אוּן זָאגְן; אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין שְׂכַר, אִיךְ טוּה דָאס נָאר פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, אוּן אוֹיב עֶס קוּמְט מִיר שְׂכַר, אִיז דָא אַזוֹיפִיל אִידְן לֵיידֶער וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּן דִי תּוֹרָה, גֶעב אִיךְ זֵיי אַוֶועק מַיין חֵלֶק עוֹלָם הַבָּא אוֹיכֶעט, זֵיי זָאלְן אַלֶע הָאבְּן שְׂכַר אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ אַלֶע צוּטֵיילְן.

זָאגְט אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן א); אַז אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ מֶמְשָׁלָה אִיבֶּער דִי מַלְאָכִים, וִוילְן זֵיי אִים אַרָאפְּוַוארְפְן, וַוייל זֵיי הָאבְּן קִנְאָה, אוּן דִי עֵצָה אִיז, דָאס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ; (שַׁבָּת פ״ח:); ׳אֶחוֹז בְּכִסֵא כְּבוֹדִי׳ כַאפְּט דִיךְ אָן אִין כִּסֵא הַכָּבוֹד. וַוייל פוּן אוּנְטֶערְן כִּסֵא הַכָּבוֹד קוּמֶען אַרוֹיס אַלֶע יוּדִישֶׁע נְשָׁמוֹת, אוּן אוֹיב אַ אִיד הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען מִיט

נִשְׁמַת יִשְׂרָאֵל קֶען אִים קֵיינֶער נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן! וַוייל דֶער עִיקָר וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן 'קִנְאָה', אוּן דָאס עֶסְט אִים אוֹיף, אוּן אוֹיבּ מֶען רַייסְט דָאס נִישְׁט אוֹיס אִין דִי יוּגְנְט, אִיז נָאכְדֶעם מוֹרָא'דִיג שְׁוֶוער. אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קנ"ב ע"ב); 'כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ קִנְאָה בְּלִבּוֹ עַצְמוֹתָיו מַרְקִיבִין', וֶוער עֶס הָאט קִנְאָה וֶוערְן זַיינֶע בֵּיינֶער פַארְפוֹילְט. אוּן דָאס גֵייט נִישְׁט אַרוֹיף אוֹיף נָאכ'ן טוֹיט, נָאר וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, עֶסְט אִים דִי קִנְאָה אוֹיף, אוּן זַיינֶע בֵּיינֶער וֶוערְן פַארְפוֹילְט. אוּן דָאס זֶעהְט מֶען בַּיי קֹרַח אַז דִי קִנְאָה הָאט אִים אוֹיפְגֶעגֶעסְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אַז מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן דִי נְשִׂיאוּת, פַארְן זוּהְן פוּן דֶעם פֶערְטֶען קִינְד פוּן קְהָת, אוּן נִישְׁט פַאר אִים וָואס אִיז אַ זוּהְן פוּן דֶעם צְוֵוייטְן קִינְד, (תַּנְחוּמָא קֹרַח א): אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אָנְגֶעאַרְבֶּעט אַזַא מִין מַחְלוֹקֶת בִּיז רַחֲמָנָא לִצְלָן דִי עֶרְד הָאט אִים אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז ווִי עֶס אִיז דָא מַחְלוֹקֶת אִיז דָאס פוּן קִנְאָה, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גָארְנִישְׁט נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, דֶעמָאלְטְס שְׁטֶערְט אִים קֵיינֶער נִישְׁט, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען פוּן אִים גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה'); דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס קוּמְט גֶענוּג אוֹיס פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ חֵלֶק אִין בַּאשֶׁעפֶער. דִי מִשְׁנָה זָאגְט (סַנְהֶדְרִין פֶּרֶק י', מִשְׁנָה א'); 'כָּל יִשְׂרָאֵל יֵשׁ לָהֶם חֵלֶק לְעוֹלָם הַבָּא' יֶעדֶער אִיד הָאט אַ חֵלֶק אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים. אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט הָאבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִדָּה פוּן קִנְאָה, וָואלְט עֶר גֶעלֶעבְּט אַ גוּט לֶעבְּן. חַזַ"ל זָאגְן: (חוּלִּין ז:); 'בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךָ וּבִמְקוֹמְךָ יְשׁוּבוּךָ', 'אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ', אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט אָנְרִירְן וָואס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַאר זַיין חַבֵר. אוּן קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ. עֶס אִיז דָא אַ הֲלָכָה בַּיי אַ סֵפֶר תּוֹרָה (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רעד, סְעִיף ד); אַז יֶעדֶער אוֹת דַארְף זַיין אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט פַּארְמֶעט אוּן עֶס טָאר נִישְׁט אָנְרִירְן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, אוֹיבּ יָא אִיז דָאס שׁוֹין פָּסוּל. זָאגְט רֶבִּי נָתָן זַ"ל (עַיֵּין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת נִזְקֵי

שְׁכֵנִים הַלָּכָה ב): דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוֹיבּ אֵיין אִיד רִירְט אָן דֶעם צְוֵוייטְן אִיד, אִיז עֶר שׁוֹין פָּסוּל. אָבֶּער אַז מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אוּן מֶען הַאלְט זִיךְ צוּזַאם מִיט אִידְן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף זֵיי. אַוַודַאי אוּן אַוַודַאי טָאר מֶען נִישְׁט מוֹדֶה זַיין צוּ מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, אוּן מֶען דַארְף וויסְן אַז מִיר הָאבְּן אַ תּוֹרָה, אוּן אַ שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַז אֵיינֶער גֵייט אַוֶועק פוּן שׁוּלְחָן עָרוּךְ, אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן (וַיִּקְרָא יט, י״ז): 'הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ עֲמִיתֶךָ', אוּן וֶוען עֶס קוּמְט צוּ עִקְּרֵי הַתּוֹרָה דַארְף מֶען זָאגְן, אָבֶּער דָאךְ קֶען מֶען גְלַייךְ זֶעהְן, אוֹיבּ אֵיינֶער מֵיינְט דָאס לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּן זַיין תּוֹכָחָה אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, אָדֶער עֶר מֵיינְט דָאס סְתַּם צוּ סִיקִירְן וֶועגְן קִנְאָה. צוּם בַּיישְׁפִּיל דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב זי״ע, בַּעַל דִבְרֵי יוֹאֵל, וָואס כָאטְשׁ עֶס הָאט נִישְׁט גֶעפֶעלְט קַיין מִתְנַגְדִים, הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף זַיין נְקוּדָה, אוּן וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְטְן אַלֶע גֶעכַאפְּט גֶעוָוארְן מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. אָבֶּער בִּכְלָלִיּוּת דַארְפְן זִיךְ אִידְן הַאלְטְן

צוּזַאמֶען און מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן רַחֲמִים רַבִּים, אַז אַלֶע גְזֵירוֹת זָאלְן בָּטֵל וֶוערְן פוּן אִידְן.

## ג.

וַוייטֶער זָאגְט רַשִׁ"י (בַּמִּדְבָּר ט"ז ז): 'וְקֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה' קֹרַח וָואס אִיז יָא קְלוּג גֶעוֶוען, פַארְוָואס הָאט עֶר גֶעטוּהן אַזַא נַארִישְׁקֵייט און נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט? נָאר 'עֵינוֹ הִטְעַתּוֹ' זַיין אוֹיג הָאט אִים פַארְנַארְט. (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יח ח). פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע, (יִשְׂמַח מֹשֶׁה פַּרְשַׁת קֹרַח, בד"ה בַּמֶדְרָשׁ): פַארְוָואס כַאפְּט עֶר אָן דֶעם לָשׁוֹן 'עֵינוֹ הִטְעַתּוֹ' אֵיין אוֹיג הָאט אִים פַארְנַארְט, עֶר אִיז דֶען גֶעוֶוען בְּלִינְד אוֹיף אֵיין אוֹיג? נָאר אִיז עֶר דָאס מַסְבִּיר, מִיט דִי הַקְדָמָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זי"ע זָאגְט: אַז אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג קוּקְן סַיי 'גַּדְלוּת הַבּוֹרֵא' און סַיי 'שִׁפְלוּת עַצְמוֹ'. און אַזוֹי זָאגְט אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ס"ז); וֶוען אַ אִיד וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק, עֶפְּנְט אִים דֶער צַדִּיק אוֹיף דִי אוֹיגְן, עֶר זָאל

זֶעהְן 'גְדוּלַת הַבּוֹרֵא' דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און שְׁפִּירְן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן רֶעדְן צוּ אִים, אָבֶער 'וְהָעִיקָר לְהִסְתַּכֵּל עַל עַצְמוֹ', עֶר זָאל אָנְפַאנְגֶען צוּ קוּקְן אוֹיף זִיךְ. וַוייל דָאס אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, וַוייל וָואס מֶער אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אוֹיף גְדוּלַת הַבּוֹרֵא זֶעהְט עֶר מֶער שִׁפְלוּת עַצְמוֹ, אַז עֶר אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט אוּן עֶר הָאט נָאךְ אַסַאךְ צוּ פַארְרֶעכְטְן. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי"ע, אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן קֹרַח, עֶר הָאט טַאקֶע גֶעזֶעהְן גְדוּלַת הַבּוֹרֵא, [אַזוֹי וִוי מֶען זֶעהְט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט (קֹרַח טז, ג): **'כִּי כָּל הָעֵדָה כּוּלָם קְדוֹשִׁים וּבְתוֹכָם הֲוַיָ"ה'** אַז יֶעדֶער אִיד אִיז הֵיילִיג, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל אִין יֶעדְן אֵיינֶעם.] אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶעהְן קַיין 'שִׁפְלוּת עַצְמוֹ', [וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁפֶּעט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ און גֶעזָאגְט (שָׁם): **"מַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל קְהַל הֲוַיָ"ה"** פַארְוָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הַאלְט זִיךְ גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע אִידְן. בִּשְׁעַת דִי תּוֹרָה זָאגְט עֵדוּת, אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער עָנָיו פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט,] וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט 'עֵינוֹ הִטְעַתּוֹ' אֵיין אוֹיג הָאט אִים פַארְבְּלֶענְדֶעט.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בַּמִדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה ט״ז סִימָן ו׳) אוֹיף דִי מְרַגְלִים אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דִי פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מד י״ח): ׳לֹא יָדְעוּ וְלֹא יָבִינוּ כִּי טָח מֵרְאוֹת עֵינֵיהֶם׳ זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אִין פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט, וַוייל זֵייעֶרֶע אוֹיגְן אִיז פַארְשְׁטָאפְּט פוּן צוּ זֶעהְן. הָאט מַיין טַאטֶע [הגה״ק גַאֲבַ״ד טָאקֵיי] זי״ע אַמָאל צוּגֶעלֵייגְט, (בְּסִפְרוֹ מִנְחַת זְאֵב פַּרְשַׁת שְׁלַח): פַארְוָואס דָא שְׁטֵייט יָא דֶעם לָשׁוֹן אַז בֵּיידֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְשְׁטָאפְּט? נָאר זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען כּוֹפְרִים אוֹיךְ, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט (בַּמִדְבָּר יג ל״א): ׳כִּי חָזָק הוּא מִמֶנוּ׳ אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא אִיז מְבַאֵר, (עֵרְכִין טו.) אַז אֲפִילוּ דֶער בַּעַל הַבַּיִת קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְטְרָאגְן זַיינֶע כֵּלִים. דָאס הֵייסְט אַז חָלִילָה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט דִי כְּנַעֲנִים. קוּמְט אוֹיס אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶעהְן דֶעם ׳גַדְלוּת הַבּוֹרֵא׳, ווידֶערְאוּם זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ (שְׁלַח קנח.): פַארְוָואס הָאבְּן זֵיי גֶעקְרִיגְט אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעווּאוּסְט אַז דָארְטְן וֶועלְן זֵיי נִישְׁט קֶענֶען זַיין קַיין מַנְהִיגִים, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט זַיין מַנְהִיגִים, הָאבְּן זֵיי קַיין ׳שִׁפְלוּת עַצְמוֹ׳ אוֹיךְ נִישְׁט

גֶעהַאט, קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בְּלִינְד אוֹיף בֵּיידֶע אוֹיגְן.

דֶער תַּרְגוּם יוֹנָתָן זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יג טז): וֶוען משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶעהְן דִי עֲנִיוּות פוּן יְהוֹשֻׁעַ הָאט עֶר אִים אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן 'יָהּ יוֹשִׁיעֲךָ מֵעֲצַת מְרַגְּלִים' עֶר זָאל נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן מִיט דִי מְרַגְּלִים. פְּרֶעגְט יֶעדֶער אֵיינֶער, וָואס הָאט דָאס שַׁיְיכוּת, אַז וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהְן זַיין עֲנִיוּות הָאט עֶר אִים גֶעוואוּנְטְשְׁן עֶר זָאל נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן מִיט דִי מְרַגְּלִים? נָאר מִיר גֶעפוּנֶען (בַּמִּדְבָּר יא כח, וּבְרַשִׁ"י שָׁם): וֶוען אֶלְדָד וּמֵידָד הָאבְּן נְבִיאוֹת גֶעזָאגְט; 'משֶׁה מֵת וִיהוֹשֻׁעַ מַכְנִיס' משֶׁה גֵייט שְׁטַארְבְּן אוּן יְהוֹשֻׁעַ גֵייט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיז יְהוֹשֻׁעַ גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן אוּן גֶעזָאגְט פַאר משֶׁה רַבֵּינוּ; 'אֲדֹנִי משֶׁה כְּלָאֵם'. הָאט משֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט הַלְוַואי זָאלְן אַלֶע זַיין רֶבִּי'ס. קוּמְט אוֹיס אַז משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶעהְן אַז יְהוֹשֻׁעַ ווִיל נִישְׁט זַיין קַיין מַנְהִיג, נָאר עֶר ווִיל אַז משֶׁה רַבֵּינוּ זָאל בְּלַייבְּן דֶער רֶבִּי, הָאט יֶעצְט משֶׁה רַבֵּינוּ מוֹרָא גֶעהַאט, אַז וֶוען דִי מְרַגְּלִים וֶועלְן קוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן

זַיי הָאבְּן דָאךְ יָא גֶעוָואלְט הַנְהָגָה, וֶועלְן זַיי דָאךְ זָאגְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֶועט עֶר זִיךְ צוּ שְׁטֶעלְן צוּ זֵיי, אוּן אוֹיכֶעט רֶעדְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כָאטְשׁ זַיין כַּוָונָה אִיז וֶועגְן עֲנִיווּת, 'עֶר וִויל נִישְׁט אַז משֶׁה רַבֵּינוּ זָאל שְׁטַארְבְּן'. וֶועגְן דֶעם הָאט עֶר אִים אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן, עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּשְׁטֶעלְן צוּ דִי מְרַגְלִים, וַוייל עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּעֶן אֵיינְס מִיטְן צְוֵוייטְן, זֵיי זֶענֶען רְשָׁעִים, אוּן מֶען טָאר מִיט זֵיי נִישְׁט מוּטְשְׁטֵיין.

קוּמְט אוֹיס אַז דֶער שְׁלֵימוּת פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז וָואס מֶער עֶר קוּקְט אוֹיף גַדְלוּת הַבּוֹרֵא, וֶוערְט עֶר גֶעוָואר אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל בְּלַייבְּן בַּיי דֶעם אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גוּט, וַוייל נָאכְדֶעם וֶועט עֶר דָאךְ גָארְנִישְׁט טוּהְן. וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קכ"ה); שְׁטֵייט אַ פָּסוּק: (דִבְרֵי הַיָמִים ב י"ז): **'וַיִגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה'**', אַז 'בְּדַרְכֵי ה' וֶוען מֶען ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מֶעג מֶען זִיךְ הַאלְטְן גְרוֹיס. אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ו');

אַז מֶען דַארְף הָאבְּן צְוֵויי בְּקִיאוֹת 'בָּקִי בְּרָצוֹא בָּקִי בְּשׁוֹב'. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, וָואס דָאס אִיז 'בָּקִי בְּרָצוֹא', קוּמְט דָאךְ אוֹיס אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט, קֶען עֶר דָאךְ אִינְגַאנְצְן צוּפַאלְן, דַארְף עֶר הָאבְּן בְּקִיאוֹת אַז עֶר אִיז יָא, אוּן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן, וָואס דָאס אִיז 'בָּקִי בְּשׁוֹב'.

חַזַ"ל זָאגְן (נִדָּה ל:): אֲפִילוּ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט רוּפְט דִיר אָן צַדִיק, זָאלְסְטוּ זַיין אִין דַיינֶע אוֹיגְן אַזוֹיוִוי אַ רָשָׁע. זָאגְט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבּוֹקֶר הֲלָכָה א); דִי לָשׁוֹן אִיז 'כְּרָשָׁע' אַזוֹי וִוי אַ רָשָׁע, אָבֶער נִישְׁט מַמָשׁ אַ רָשָׁע, וַוייל אוֹיב נִישְׁט וֶועסְטוּ נָאכְדֶעם אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֵיין פוּן אִידִישְׁקֵייט.

## ד.

מִיר גֶעפוּנֶען וַוייטֶער (בַּמִדְבָּר טז י"ב): מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעגַאנְגֶען פְּרוּבִּירְן שָׁלוֹם מַאכְן מִיט דָתָן וַאֲבִירָם, אֶפְשָׁר דָאךְ וֶועלְן זֵיי צוּרִיק קוּמֶען, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: 'לֹא נַעֲלֶה', מִיר וֶועלְן נִישְׁט אַרוֹיף גֵיין. זָאגְט רַשִׁ"י;

'פִּיהֶם הִכְשִׁילָם' זֵייעֶר מוֹיל הָאט זֵיי גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט, 'אֵין לָהֶם אֶלָּא יְרִידָה' זֵיי וֶועלְן טַאקֶע נָאר אַרָאפְּגֵיין. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְן דִיבּוּר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קי"ג) ; דִי מִשְׁנָה (אָבוֹת פֶּרֶק ג) : 'וְנִפְרָעִים מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ' אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט בַּאשְׁטְרָאפְט מִיט זַיין וִויסְן אוּן אָן זַיין וִויסְן. שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי עֶס אִיז דָאךְ אַ סְתִּירָה, אָדֶער אִיז עֶס 'מִדַּעְתּוֹ' אָדֶער שֶׁלֹּא 'מִדַּעְתּוֹ' ? ! בְּרֶענְגְט עֶר אַן הַקְדָמָה פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי"ע ; אַז אֵיידֶער מֶען מִשְׁפָּט אַ מֶענְטְשׁ פְּרֶעגְט מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין דֶעם פְּסַק, אָבֶער אַז מֶען וֶועט אִים פְּרֶעגְן, הָאסְט גֶעטוּעֶן דָאס אוּן דָאס, וָואס קוּמְט דִיר ? וֶועט עֶר טוּעֶן אַלֶע פְּעוּלוֹת שֶׁבָּעוֹלָם זִיךְ צוּ פַארְעֶנְטְפֶערְן, אוּן עֶר וֶועט זָאגְן, אַז עֶס קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט ! עֶס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג ! וַוייל (סַנְהֶדְרִין ט:) : 'אָדָם קָרוֹב אֵצֶל עַצְמוֹ' אוּן עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וָואס טוּט מֶען ? מֶען פְּרֶעגְט אִים דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט גֶעטוּעֶן, אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, וָואס זָאגְסְטוּ צוּ דֶעם, אַז דֶער אוּן דֶער הָאט גֶעטוּעֶן דָאס אוּן דָאס ? ! אוּן

דֶעמָאלְטְס פַארְרֶעדְט עֶר זִיךְ נֶעבֶּעךְ, אוּן עֶר זָאגְט אַז דֶעם דַארְף מֶען הֶענְגֶען אוּן דָאס גְלַייכְן. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי; דָאס אִיז דֶער פְּשַׁט אִין דִי מִשְׁנָה: 'וְנִפְרָעִים מִן הָאָדָם מִדַּעְתּוֹ' דָאס הֵייסְט 'עֶר וֵוייסְט', אָבֶּער דָאךְ 'וְשֶׁלֹּא מִדַּעְתּוֹ' עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶר הָאט זִיךְ יֶעצְט אַלֵיין פַארְאוּרְטֵיילְט. דָאס אִיז אוֹיךְ וָואס דִי רְשָׁעִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ (בַּמִּדְבָּר טז י״ד): 'הַעֵינֵי אֲנָשִׁים הָהֵם תְּנַקֵּר' אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט אוֹיסְשְׁטֶעכְן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן, וַוייל אַ צַדִיק מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, אַז מֶען זָאל קוּקְן גַדְלוּת הַבּוֹרֵא אוּן שִׁפְלוּת עַצְמוֹ (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב סִימָן ס״ז) אוּן זֵיי הָאבְּן דָאךְ גֶעהַאלְטְן פַארְקֶערְט, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז אֲפִילוּ דוּ ווילְסְט אוֹיסְשְׁטֶעכְן בֵּיידֶע אוֹיגְן: 'לֹא נַעֲלֶה' וֶועלְן מִיר נִישְׁט אַרוֹיף גֵיין.

ה.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הִלְכוֹת הֶכְשֵׁר כֵּלִים ד׳, אוֹת מ״ט.): פַארְוָואס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעבֶּעטְן דַוְוקָא עֶס זָאל זִיךְ עֶפֶּענֶען דִי עֶרְד?! נָאר עֶס אִיז דָא 'שָׁמַיִם' אוּן 'אֶרֶץ', אֶרֶץ אִיז דִי גַשְׁמִיוּת אוּן

שָׁמַיִם אִיז רוּחְנִיוּת, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט מוֹדֶה זַיין אַז עֶס קֶען גֵיין צוּזַאמֶען, ׳שָׁמַיִם וָאָרֶץ׳, אַז מֶען קֶען זַיין אִין הִימְל אוּן מֶען קֶען זַיין אוֹיף דֶער עֶרְד, וָואס דָאס אִיז אַ מוֹרָא׳דִיגֶע פְּגַם. אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען דֶער פְּגַם וֶוען קֹרַח הָאט אָנְגֶעטוּעֶן יֶעדְן מִיט אַ טַלִית וָואס אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצֶען תְּכֵלֶת, אוּן גֶעפְרֶעגְט צוּ דָאס אִיז מְחוּיָב מִיט צִיצִית? אָדֶער וָואס עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט, וָואס אִיז דִי דִין מִיט אַ הוֹיז פוּל מִיט סְפָרִים, צוּ אִיז דָאס מְחוּיָב מִיט מְזוּזָה? וַוייל עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט שְׁלֵימוּת! וָואס בֶּאֱמֶת אִיז קֵיינֶער נִישְׁט גֶעבָּארְן גֶעוָוארְן קַיין שָׁלֵם.

דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה יא, סִימָן ו): אַ מִין הָאט גֶעפְרֶעגְט אַ תַּנָא, אוֹיבּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל מִצְווֹת מִילָה, פַארְוָואס הָאט עֶר נִישְׁט גֶעמַאכְט אַז מֶען זָאל גֶעבָּארְן וֶוערְן גֶע׳מַלֶ׳עט?! הָאט דֶער תַּנָא גֶעזָאגְט נֵיין! אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבָּארְן מִיט אַ חִסָרוֹן, אַזוֹי וִוי ׳תּוּרְמוּסִים׳ אַ הַארְטֶע בָּאנְדֶעל, וָואס מֶען דַארְף קָאכְן אַסַאךְ בִּיז עֶס קָאכְט זִיךְ אָפּ, דִי זֶעלְבֶּע אִיז אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן מִיט אַ עָרְלָה, וָואס

אִיז אַ חִסָרוֹן, און נָאכְדֶעם נֶעמְט מֶען דָאס אַרָאפּ פון אִים. זֶעהְט מֶען פון דֶעם אַז יֶעדֶער וֶוערְט גֶעבּוֹירְן מִיט אַ חִסָרוֹן נָאר מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם דָאס אַרָאפּ צוּנֶעמֶען, אֵיינֶעם גֵייט דָאס גְלַייךְ, אֵיינֶעם גֵייט דָאס שְׁוֶועריֶער, אָבֶּער קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז עֶר הַאלְט בַּיים שְׁלֵימוּת.

און דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶע סִיבָּה פַּארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ פַּאלְט אַרָאפּ, אָדֶער עֶר וֶוערְט מְשׁוּגֶע, אַזוֹי ווִי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי״ע הָאט גֶעזָאגְט; ׳אַז מְשׁוּגֶע וֶוערְט מֶען נָאר פון גֵיאוּת׳. דָאס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ ווִיל נָאר אַ גַאנְצֶע און פֶּערְפֶעקְ״ט זַאךְ, אָבֶּער ווִיבַּאלְד עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, און עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, וֶוערְט עֶר אִינְגַאנְצֶען צוּבְּרָאכְן!. און אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז מַלְאָכִים הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶענוּג אוֹיבְן, און זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּם חֶסְרוֹנוֹת, אָבֶּער דֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִיל הָאבְּן אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זַיין דָא בָּזֶה הָעוֹלָם, וָואס אַלֶעס זֶעהְט אוֹיס גַשְׁמִיוֹת, אָבֶּער דָאךְ וֵוייסְט עֶר אַז אַ זַיין גַשְׁמִיוֹת אִיז רוּחְנִיוּת. און דָאס אִיז גָאר דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער,

און עֶס אִיז נָאךְ אַ שְׁוֶועֶרֶע שְׁטוּב אוֹיכֶעט, און עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן דֶערְהַאלְט עֶר זִיךְ און עֶר בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בַּיי זִיךְ אִין לֶעבְּן.

דָאס הָאט קֹרַח נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים קו ט״ז): ׳וַיְקַנְאוּ לְמֹשֶׁה בַּמַחֲנֶה וְאַהֲרֹן קְדוֹשׁ ה׳, וִוי אַזוֹי קֶען זַיין בֵּיידֶע צוּזַאמֶען, אַז פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט אוֹיף אִים (דְבָרִים לג א): ׳אִישׁ הָאֱלֹקִים׳, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר ׳בַּמַחֲנֶה׳ צְווִישְׁן אַלֶעמֶען׳, וַוייל אַז דוּ בִּיזְט דָבוּק אִין בַּאשֶׁעפֶער וְויאַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ דִיר מִיט דִין תּוֹרָה׳ס, אַז דֶער הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען אַ אַמְפֶּער! דֶער הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען אַ זָאטְל פוּן אַ אֵייזְל! דֶער הָאט מִיר צוּגֶענוּמֶען אַ לֵייטֶער! וְויאַזוֹי גֵייט דָאס צוּזַאמֶען? דָאס זֶעלְבֶּע בַּיי אַהֲרֹן וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען עוֹסֵק זַיין אִין שָׁלוֹם בַּיִת, און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען דַארְף רֶעדְן מִיטְן מַאן און מִיטְן פְרוֹי, און זִיךְ אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי נָאכְדֶעם ׳קְדוֹשׁ ה׳, גֵייסְטוּ אַרַיין לִפְנֵי וְלִפְנִים,

אִין קָדְשֵׁי קָדָשִׁים?! דָאס גֵייט נִישְׁט צוּזַאמֶען. דָאס זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה; (קעו עָמוּד א): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף מַאכְן פוּן רֶעכְטְס לִינְקְס אוּן פוּן לִינְקְס רֶעכְטְס. אָבֶער קֹרַח הָאט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אוּן זָאגְן, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ, נָאר אָדֶער יְמִין, אָדֶער שְׂמֹאל, דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין פְּגַם.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (שָׁם): וֶועגְן דֶעם הָאט זֵיי דִי עֶרְד אוֹיפְגֶעגֶעסְן אוּן אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען, צוּ וַוייזְן אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט בַּאוִויזְן אַ וֶועג אַז מֶען קֶען יָא זַיין מִיט אַרְצִיוּת, אוּן דָאס אִיז גָארְנִישְׁט סוֹתֵר פוּן זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַרְבֶּעטְן-אוּן קֶען לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, פַּארְקֶערְט דֶער גְרֶעסְטֶער חָכְמָה פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ס"ח); אַז דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ מֶענְטְשׁ אִיז, אַז עֶר אִיז אוֹיבְן אוּן אוּנְטְן, עֶר קֶען בֵּיידֶע, אוּן דָאס אִיז טַאקֶע דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, דֶערְפַאר נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען הָאבְּן צוּ טוּעֶן מִיט מֶענְטְשְׁן.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה א, סִימָן ט"ו): עֶס אִיז דָא אַ מַחְלוֹקֶת, שַׁמַּאי זָאגְט 'הַשָּׁמַיִם נִבְרְאוּ תְּחִלָּה' דִי הִימְל אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָארְן קוֹדֶם. אוּן הִלֵל זָאגְט 'הָאָרֶץ נִבְרְאוּ תְּחִלָּה' דִי עֶרְד אִיז קוֹדֶם בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן. דָאס הֵייסְט שַׁמַּאי אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאר מִיטְ'ן חוֹמֶר הַדִין, עֶס אִיז נָאר דָא רוּחְנִיוּת וָואס דָאס אִיז הִימֶעל, הִלֵל ווִידֶערְאוּם אִיז גֶעגַאנְגֶען בְּאַרְצִיוּת נָאר לְקוּלָא, אִיז גֶעקוּמֶען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט, וָואס קְרִיגְן זֵיי זִיךְ שַׁמַּאי אוּן הִלֵל?! דִי וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַזוֹי וִוי אַ טָאפּ מִיט אַ דֶעקְל, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט: (בְּרֵאשִׁית א א): 'בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלוֹקִים אֶת הַשָּׁמַיִם וְאֶת הָאָרֶץ' בֵּיידֶע צוּזַאמֶען דִי הִימְל מִיט דִי עֶרְד זֶענֶען בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אִינְאֵיינֶעם. וָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעקוּמֶען דָא מְחַדֵשׁ זַיין?! נָאר דָאס אִיז דֶער גַאנְצֶער לִימוּד פוּן קַבָּלָה, אוּן פוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, אַז מֶען קֶען מְחַבֵּר זַיין גַשְׁמִיוּת מִיט רוּחְנִיוּת, עֶס זָאל גֵיין צוּזַאמֶען בֵּיידֶע, אוּן וֶועגְן דֶעם זֶענֶען מִיר אִידְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן אַז מֶען הָאט אַ וַוייבּ אִיז דָא הֲלָכוֹת, מֶען הָאט אַ גוּף, דַארְף מֶען דָאס אָנְטוּעֶן מִיט צִיצִית אוּן תְּפִילִין, מִיט אַ בָּארְד אוּן

פֵּיאוֹת, אַז מֶען הָאט אַ הוֹיז, הָאט מֶען אַ מְזוּזָה אוּן אַ מַעֲקֶה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, קוּמְט אוֹיס אַז אַלֶעס אִיז גֶעפִינְדֶען אִינְאֵיינֶעם.

חַזַ״ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:); **גְדוֹלָה שִׁימוּשָׁהּ שֶׁל תּוֹרָה יוֹתֵר מִלִּמוּדָהּ.** מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם אִיז נָאכְמֶער וִוי מֶען לֶערְנְט. פַּארְוָואס? וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען זֶעהְט מֶען דֶעם רֶבִּי׳ן? אִין שׁוּל! אָבֶער אַז עֶר רֶעדְט מִיט דִי רֶעבֶּעצִין, אָדֶער עֶר דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער וְכוּ׳, דָאס זֶעהְט מֶען נִישְׁט, דֶערְפַאר זָאגְן חַזַ״ל **׳גְדוֹלָה שִׁימוּשָׁהּ שֶׁל תּוֹרָה יוֹתֵר מִלִּימוּדָהּ׳**, וַוייל דַּיְיקָא בַּיי גַשְׁמִיוֹת, קֶען מֶען נָאכְמֶער זֶעהן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם רֶבִּי׳ן, וְוִיאַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ מִיט זַיין וַוייבּ, וְוִיאַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן וְוִיאַזוֹי דֶער צַדִיק קֶען זִיךְ בֶּעסֶער אוּן שֶׁענֶער דֶערְהַאלְטְן, אוּן וֶוען עֶר אִיז שׁוּלְדִיג חוֹבוֹת, וְוִיאַזוֹי עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, אוּן בַּאצָאלְט, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט בַּא׳גַנְבֶ׳עְנֶען אַ מֶענְטְשׁ. וֶועגְן דֶעם וֶוער עֶס לֶערְנְט אִין דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּין, אָדֶער פוּן רֶבִּי נָתָן זַ״ל, בִּפְרַט דִי בְּרִיוֶועוּ וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אִין סֵפֶר

עַלִים לִתְּרוּפָה, אוּן זֶעהְט זַייעֶר הִתְנַהֲגוּת אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכֶען לֶעבְּן, קֶען עֶר זִיךְ אוֹיסְלֶערְנֶען וְויאַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן.

מֶען זָאגְט אוֹיפְן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי״ע אַז עֶר הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט אַ כְּרוּז פוּן הִימְל; אַז עֶר מוּז נָאךְ מְשַׁמֵשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם, הָאט עֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אִים מְגַלֶה זַיין וֶוער דֶער תַּלְמוּד חָכָם אִיז, הָאט מֶען אִים מְגַלֶה גֶעוֶוען, אַז אִין בְּרָאד אִיז דָא אַ צַדִיק וָואס מֶען רוּפְט אִים רֶבִּי אֶפְרָיִם׳ל פוּן בְּרָאד [עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ זוּהְן פוּן הֵיילִיגְן חַכַם צְבִי, אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס גֶעוֶוען] אוֹיךְ הָרַב הַקָדוֹשׁ בַּעַל תְּבוּאוֹת שׁוֹר, אוּן דֶעם הֵיילִיגְן פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, זֵיי דַארְף עֶר מְשַׁמֵשׁ זַיין. [אֵיין נוּסַח אִיז אַז נָאר דֶעם רֶבִּי אֶפְרָיִם׳ל זצוק״ל דַארְף עֶר מְשַׁמֵשׁ זַיין], פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן צוּ רֶבִּי אֶפְרָיִם, אוּן דֶער רֶבִּי אֶפְרָיִם אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹיסְגֶעדַארְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּלוּט אִין זִיךְ, דֶערְפַאר אִיז אִים שְׁטֶענְדִיג קַאלְט גֶעוֶוען, אוּן אֲפִילוּ אִין חוֹדֶשׁ תַּמוּז וָואס אִיז זֵייעֶר

הֵייס, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט גֵיין מִיט אַ פֶּעלְץ, אוּן מִיט אַ דָאכֶענֶע, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, קוּמְט אַרַיין צוּ אִים, פְרֶעגְט עֶר דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, וָואס וִויל אַ אִיד? [וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ,] עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ; אִיךְ וִויל מְשַׁמֵשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם! זָאגְט עֶר אִים דֶעמָאלְטְס הֵייץ מִיר אָן דֶעם אוֹיוְון, וַוייל עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר קַאלְט, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִיז גֶעוֶועְן מָלֵא שִׂמְחָה, אַז יֶעצְט וֶועט עֶר קֶענֶען מְשַׁמֵשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם, אוּן עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט הָאלְץ אוּן אָנְגֶעהֵייצְט, בִּיז עֶס אִיז גֶעוָוארְן דָארְטְן שְׁטַארְק הֵייס, אַז עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן זִיךְ דֶעם פֶּעלְץ מִיטְ'ן דָאכֶענֶע, דֶער רֶבִּי אֶפְרָיִם הָאט אָבֶּער גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע רֶעבֶּעצִין, אוּן וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען, אוּן גֶעזֶעהְן דֶעם שְׁטַארְקְן הִיץ, הָאט זִי זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרַייעֶן, וֶוער אִיז דָא גֶעוֶועְן אוּן אָנְגֶעהֵייצְט דֶעם אוֹיוְון?! עֶס קָאסְט דָאךְ מִיר אַסַאךְ גֶעלְט, אוּן אוֹיף וִוינְטֶער דַארְף מֶען דָאס הָאבְּן, וַוייל אוֹיף זוּמֶער אִיז גֶענוּג דוּ זָאלְסְט גֵיין מִיטְן טִילוּפּ מִיטְ'ן דָאכֶענֶע,

וַוייל ווינְטֶער אֲפִילוּ מִיטְ׳ן דָאכֶענֶע וֶועט נָאךְ אוֹיכֶעט קַאלְט זַיין. אוּן זִי נֶעמְט אוֹיךְ אָנְשְׁרֵייעֶן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ הָאט גֶעהַאט חַלִישׁוּת הַדַעַת, רוּפְט זִיךְ אָן רֶבִּי אֶפְרָיִם צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ; ״הָאט נִישְׁט קַיין חַלִישׁוּת הַדַעַת״, אוּן זָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין הִימְל, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן, אַז מֶען וִויל דַן זַיין אֵיינֶעם חַס וְשָׁלוֹם וְכוּ׳, אוּן יֶענֶער הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערְן בְּנֵי בַּיִת, זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַלֶע זְכוּתִים פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטִיל אִין שְׁטוּבּ אוּן גֶעהַאט גֶעדוּלְד, כָאטְשִׁיג זִי הָאט אִים פַארְשֶׁעמְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים, אוּן דָאס אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען, אַז מֶען הָאט אִים גֶעפַּסְקֶ׳נְט, אַז עֶס קוּמְט אִים נִישְׁט קַיין שׁוּם עוֹנֶשׁ. אָבֶּער פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אָן אַ מַלְאָךְ אוּן שְׁרֵייט, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ לִימוּד זְכוּת? הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶענוּמֶען פַאר דֶעם אִיד, אוּן גֶעזָאגְט, אַז דִי אַלֶע לִימוּד זְכוּתִים זֶענֶען גֶערֶעכְט, זָאל נָאר דֶער מַלְאָךְ אַרָאפְּקוּמֶען אוּנְטְן, אוּן הָאבְּן אַ וַוייבּ, אוּן לָאמִיר זֶעהְן דֶעמָאלְטְס ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן! אוּן עֶר אִיז טַאקֶע אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אָנְגֶעקְלֵיידֶעט אִין אַ גוּף, אָבֶּער עֶר אִיז

נָאכְדֶעם גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי אֶפְרָיִם, אַז עֶר ווִיל זִיךְ גֶטְ׳ן, [יֶענֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט גָארְנִישְׁט, וֶוער עֶר אִיז, אוּן וָואס עֶר אִיז] אוּן אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט גֶטְ׳ן ווילְסְטוּ זִיךְ ?! זָאלְסְט זִיךְ מְקַבֵּל זַיין, אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועסְטוּ נִישְׁט רֶעדְן אוֹיף קַיין אֵיין שְׁוֶוער שְׁטוּבּ. דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס עֶר רֶעדְט צוּ אִים וְכוּ׳, דֶעם סִיפּוּר הָאט דֶעמָאלְטְס רֶבִּי אֶפְרָיִם דֶערְצֵיילְט פַארְ׳ן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ זי״ע.

קוּמְט אוֹיס אַז אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִיבֶּער אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, אוּן אַז עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ אִיז דָאס דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ. אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען פוּן אַ צַדִיק, אוּן וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק אוּן זֶעהְן ווִי אַזוֹי עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף בַּיי גַשְׁמִיוּת אוֹיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיכֶעט זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן.

~תַּם וְנִשְׁלַם, שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~

# אַ שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תְּפִלָּה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ, און אוֹיפְגֶעלֵייגְט, און אִיךְ זָאל נִישְׁט דַאֲגָה׳ן קַיין שׁוּם פְרֶעמְדֶע דַאֲגוֹת, אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין דִיר דָאס דוּ בִּיסְט דָא מִיט מִיר, און אִיךְ זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט בִּטָחוֹן אַז דוּ וֶועסְט מִיר נִישְׁט פַארְלָאזְן, אֲפִילוּ אִיךְ מַאךְ מִיט יֶעצְט שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אִיךְ בֶּעט דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם טַעֲנֶה אוֹיף קַיין בְּרִיָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג דִיר הָאבְּן פַאר דִי אוֹיגְן, און אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין מְקַיֵים זַיין אַלֶע מִצְוֹת מִיט גְרוֹיס פְרֵייד, און אִיךְ זָאל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן אַלֶע דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, און אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען דַיין תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה יֶעדְן טָאג, חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ״י, און מִשְׁנַיוֹת, און גְמָרָא, און שׁוּלְחָן עָרוּךְ, און זָאלְסְט מִיר עֶפֶענֶען דֶעם מוֹחַ אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס וָואס אִיךְ לֶערְן, אִיךְ בֶּעט דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג אַ צֶעפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ און אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע אִידְן, און בִּזְכוּת דֶעם וֶועל אִיךְ פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאב קַאלְיֶע גֶעמַאכְט דוּרְךְ מַיינֶע שְׁוֶוערֶע זִינְד, און אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלְצְדִינְג וָוארוּם אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעמֵיינְט דִיךְ דֶערְצֶערְנֶען, אִיךְ זָאג דִיר צוּ אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט טוּן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן וָואס אִיךְ הָאב גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט, און אִיךְ וֶועל זִיךְ שׁוֹין נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, און דוּ וֶועסְט פוּן מִיר הָאבְּן גְרוֹיס נַחַת, מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם, אָמֵן סֶלָה.

**(אשר בנחל חלק א׳ מכתב יט)**

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# טוּה אִיךְ גוּט?!

וָואס דָאס אִיז אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת חֻקַּת תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

### רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

### רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נ"א) "דָאס זָאלְט אִיר מְקַבֵּל זַיין פוּן מִיר, אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, דִי וֶועלְט נַארְט אַייךְ". עֶס אִיז דָא אוֹיף דֶעם עוֹלָם אַזוֹיפִיל נַארִישְׁקֵייטְן וְכוּ', אַזוֹיפִיל דִמְיוֹנוֹת וְכוּ', אוּן מֶענְטְשְׁן לוֹיפְן נָאךְ בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אוּן זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי וֶועלְן דָארְטְן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן וְכוּ', אוּן דֶערְוַוייל גֵייט אַוֶועק כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים מִיט גָארְנִישְׁט אוּן מִיט נִישְׁט וְכוּ' וְכוּ', וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ו') דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, אוּן אַלֶע לוֹיפְן אִים נָאךְ, אוּן זֵיי זֶענֶען זִיכֶער אַז אִין דִי הַאנְט אִיז דָא וָואס זֵיי זוּכְן וְכוּ', אוּן מֶען לוֹיפְט אִים נָאךְ כַּמָה וְכַמָה שָׁנִים וְכוּ', אוּן צוּם סוֹף מַאכְט עֶר אוֹיף דִי הַאנְט, אוּן מֶען זֶעהְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אִין דִי הַאנְט וְכוּ' וְכוּ', פָּשׁוּט מֶען הָאט אִים בִּיטֶער אָפְּגֶענַארְט, אוּן עֶר שְׁרַייט, הוֹי גֶעוַואלְד! וִוי הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעלָאזְט פָּאפְּן אַזוֹיפִיל יָארְן?! וְכוּ', אָבֶער עֶס אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, וִוי דֶער חָכָם הָאט גֶעזָאגְט "אָדָם דוֹאֵג עַל אִיבּוּד מָמוֹנוֹ וְאֵינוֹ דוֹאֵג עַל אִיבּוּד יָמָיו; מָמוֹנוֹ חוֹזֵר, וְיָמָיו אֵינָם חוֹזְרִים", אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר, זַיי נִישְׁט קַיין בַּטְלָן, זָאלְסְט וִויסְן דָאס יֶעדְן טָאג וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים שֶׁענְקְט אִיז אַ עֶקְסְטֶערֶער מַתָּנָה, וָוארוּם אִין יֶעדְן טָאג אִיז אַ גַאנְצֶע דוֹר, וִוי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה פַּרְשָׁה א' סִימָן ה') אוֹיפְן פָּסוּק (קֹהֶלֶת א' ד') "דוֹר הוֹלֵךְ וְדוֹר בָּא", אֵין לְךָ בְּכָל יוֹם וָיוֹם, שֶׁאֵין נוֹלְדִין בּוֹ שִׁשִּׁים רִבּוֹא וּמֵתִים בּוֹ שִׁשִּׁים רִבּוֹא, וּמַה טַעַם? דוֹר הוֹלֵךְ וְדוֹר בָּא; אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אָנְפִילְן יֶעדְן טָאג מִיט גוּטֶע נְקוּדוֹת

**(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג' מִכְתָּב שס)**

# טוּה אִיךְ גוּט?!

## א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י"ב): וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט מִיטְן אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה, קֶען עֶר אַרַיין פַּאלְן אִין גְרוֹיסֶע טָעוּתִים, אוּן קֶען קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע שְׁלֶעכְטְס, אוּן עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע אוּן בַּאקַאנְטֶע רְשָׁעִים, וָואס הָאבְּן זֵייעֶר פַּארְדָארְבֶּען, אוּן זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶענַארְט דִי וֶועלְט, אוּן אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען פוּן זֵייעֶרֶע חָכְמוֹת, אַז זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען מִיטְן אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל אוּן אַזוֹי אַרוּם

פַארְפִירְט דִי וֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ו'): דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז צוּגֶעגְלִיכְן, צוּ אֵיינֶעם וָואס גֵייט מִיט אַ פַארְמַאכְטֶע הַאנְט, אוּן אַלֶע לוֹיפְן אִים נָאךְ, אוּן מֵיינֶען אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס אַ סוֹד, נָאכְדֶעם גֶעט עֶר אַ מַאךְ אוֹיף דִי הַאנְט, אוּן מֶען אִיבֶּערְצַייגְט זִיךְ אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט. אוּן דָאס אִיז בְּעִיקָר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז אַ מֶענְטְשׁ לוֹיפְט נָאךְ, נָאךְ אֵיינֶעם, וָואכְן, חֲדָשִׁים, אוּן יָארְן, אוּן עֶר מֵיינְט אַז עֶר אִיז אַ בַּאהַאלְטֶענֶע צַדִיק וְכוּ', אוּן עֶר וֶועט פוּן אִים עֶפֶּעס הָאבְּן, אוּן צוּם סוֹף עֶפֶענְט עֶר אוֹיף דִי הַאנְט, אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא דָארְט. עֶר הָאט פוּן אִים גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען, אוּן עֶר הָאט מִיר גוּט אָפְּגֶענַארְט.

דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (קֹהֶלֶת רַבָּה פַּרְשָׁה ה, פָּסוּק י"ד); וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן זֶענֶען זַיינֶע הֶענְטֶעלֶעךְ פַארְמַאכְט! ווידֶער בַּיי אַ נִפְטָר זֶענֶען דִי הֶענְט אָפֶען, אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט פַארְמַאכְן, אִיז דָאס דֶער מֶדְרָשׁ מַסְבִּיר, וַוייל וֶוען אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, ווייל

ער איינעמען די גאנצע וועלט און טראכט אז די גאנצע וועלט איז זיינס, אבער ווען ער גייט ארויס פון דער וועלט, זעהט ער שוין אז ער האט גארנישט אין די הענט.

ווען דעם דארף זיך יעדער מענטש משפט'ן, וואס דאס איז איינע פון די יסודות פון 'התבודדות' וואס דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט, (עיין ליקוטי מוהר"ן חלק א סימן ב, וסימן ט"ו) זיך צו משפט'ן 'וואס האב איך אין די האנט', ווייל סתם פון הבטחות קומט גארנישט ארויס.

און ווען א מענטש מאכט דעם חשבון גלייך ביים אנפאנג ווען ער גייט אויף א פלאץ, וואס האב איך פון דארטן?! און ער זעהט אז גארנישט!! דארף ער דאך פארשטיין אז עס איז א שאד די צייט סתם אהינצוגיין, אבער אויב ער זעהט, ער איז יא מצליח און ער איז גלייך קונה עפעס, זאל ער זיך האלטן זייער שטארק, אזוי וועט ער קענען נעמען יעדעס מאל מער און מער.

דער הייליגער רבי זאגט (שיחות הר"ן סימן נ"א); דאס זאלט איר מקבל זיין פון מיר 'איר זאלט זיך נישט לאזן נארן די וועלט נארט ענק'. דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה פלעגט שטענדיג חזר'ן דעם פסוק (איוב ג, י"ט): 'קטן וגדול שם הוא' ווער עס איז גרויס און ווער עס איז קליין דאס ווייסט מען נאר דארטן. א מענטש קען נישט וויסן ווער עס איז גרויס. חז"ל זאגן (פסחים נד:); 'אין אדם יודע מה בלבו של חברו' איינע פון די זאכן וואס עס איז פארהוילן פון א מענטש, איז אז ער ווייסט נישט ווער יענער איז.

הרב החסיד רבי לוי יצחק (בנדער) זצ"ל האט מיר פארציילט: ער פלעגט אסאך פארן מיטן באן, ווייל מען האט אים אלץ געזוכט און ער האט געמוזט פארן פון איין פלאץ צום אנדערן, האט ער אלץ געהאט מיט זיך א משניות, און געזאגט אסאך משניות, ביז ער האט געקענט אויסענווייניג ששה סדרי משנה. האט זיך איינמאל צוגעזעצט לעבן אים א רב, וואס ער איז געווען פון די ריכטיגע מתנגדים אויף ברסלב, און וויבאלד ער האט געזעהן א יונגערמאן לערנט אזויפיל

מִשְׁנַיוֹת, פְרֶעגְט עֶר אִים וואו וואוֹינְט אִיר? זָאגְט עֶר; אִין אוּמַאן! נֶעמְט זִיךְ דֶער רָב חוֹזֶק מַאכְן, ׳אִיר זֶענְט פוּן דִי אוּמַאנֶער חֲסִידִים׳?! אִיךְ קֶען אַייךְ, אִיךְ קֶען אַייךְ, אוּן זָאגְט כָּל דָבָר אָסוּר, אוּן יֶעדֶע פָּאר וֶוערְטֶער זָאגְט עֶר ׳אִיךְ קֶען עֶנְק׳, אוּן אַזוֹי וִוי רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק זַ״ל זֶעהְט אַז עֶר וֶוערְט נִישְׁט פָּטוּר פוּן אִים, זָאגְט עֶר אִים; ׳אִיךְ זֶעה אִיר זָאגְט אַ גַאנְצְן צַייט אִיךְ קֶען עֶנְק, זָאגְט נָאר; ׳זִיךְ׳ קֶענְט אִיר?! אַז עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר שׁוֹין שְׁטֵיין גֶעבְּלִיבְּן.

אוּן עֶס לִיגְט אִין דֶעם עֶנְטְפֶער אַ טִיפְן דֶערְהֶער, וַוייל מֶען זֶעהְט אַמָאל אַ מֶענְטְשׁ גִיסְט פֶּעךְ אוּן שְׁוֶועבְל אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אוּן עֶר טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין, צוּ ׳זִיךְ אַלֵיין׳ קֶען עֶר שׁוֹין? אוּן אַוַודַאי נִישְׁט אַן אַנְדֶערְן.

וֶוען מֶען הָאט גֶעדְרִיקְט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל דֶעם פֵּירוּשׁ מַהֲרַ״ם שִׁיף אִין דִי צַייטְן פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: ׳אִיךְ קֶען זָאגְן פְּשַׁט אִין דֶעם שְׁוֶוערְסְטְן מַהֲרַ״ם שִׁיף, אָבֶער אִין אַ אִיד קֶען אִיךְ נִישְׁט זָאגְן קַיין פְּשַׁט! וַוייל עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים נא,

י״ט): ׳לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹהִים לֹא תִבְזֶה׳. און וֶוער קֶען וויסְן וֶוער עֶס איז דֶער אֱמֶתְ׳ר לֵב נִשְׁבָּר. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ איז צוּבְּרָאכְן, וַוייל עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ אין שְׁטוּבּ צָרוֹת, און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה וְכוּ׳, און עֶר לָאזְט אַפָּאר טְרֶערְן און עֶר וֵויינְט זִיךְ אוֹיס צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דָאס עֶפְּנְט אוֹיף אַלֶע הִימְלֶען, און וֶוער קֶען דָאס ווִיסְן?!

עֶס שְׁטֵייט (זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה קכב:): ׳מַאן דְאִיהוּ זְעֵיר אִיהוּ רַב. מַאן דְאִיהוּ דְרַב אִיהוּ זְעֵיר׳, וֶוער עֶס איז קְלֵיין איז גְרוֹיס און וֶוער עֶס איז גְרוֹיס איז קְלֵיין. דָא קֶען זַיין אֵיינֶער וָואס מֶען רַעַשְׁ׳ט זִיךְ מִיט אִים, אָבֶּער אוֹיבְן אין הִימְל וֵוייסְט מֶען גָארְנִישְׁט וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ איז. און פַּארְקֶערְט אוֹיךְ, עֶס קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ וָואס דָא קֶען מֶען אִים נִישְׁט, אָדֶער מֶען מַאכְט גָאר חוֹזֶק פון אִים, אָבֶּער אין הִימְל איז עֶר זֵייעֶר גְרוֹיס.

דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים זַ״ל הָאט אַמָאל גֶערֶעדְט פון דֶעם אַז דֶער עִיקָר חֲשִׁיבוּת איז תּוֹרָה, [וַוייל דָאס איז דִי חָכְמָה פון דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און אַז

אַ מֶענְטְשׁ ווִיל זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס נָאר דוּרְךְ דִי תּוֹרָה], הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אוֹיף אַ מַאפֶּע זֶעהְט מֶען, בַּיי דִי גָאר גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט אַ גְרוֹיסֶער רִינְגְל, בַּיי קְלֶענֶערֶע שְׁטֶעט אַ קְלֶענֶערְן רִינְגְל, בַּיי שְׁטֶעטְלֶעךְ אוּן דֶערְפְלֶעךְ זֶעהְט מֶען נָאר פִּינְטְלֶעךְ, בַּיי אַ גָאר קְלֵיינֶעם שְׁטֶעטְל זֶעהְט מֶען גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי מַאפֶּע, וֶועגְן דֶעם 'רַאדִין' [וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער שְׁטֶעטְל וואוּ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים הָאט גֶעוואוֹינְט אוּן גֶעהַאט דִי יְשִׁיבָה] זֶעהְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דִי מַאפֶּע, אָבֶּער אוֹיף דִי מַאפֶּע אוֹיבְן אִין הִימְל זֶעהְט מֶען פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט וָואס עֶס אִיז נִישְׁט דָארְטְן גֶעוֶוען קַיין יְשִׁיבוֹת, קַיין שׁוּהְלְן, קַיין מִקְוָואוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הוֹיפְּט שְׁטָאט פֶּעטֶערְבּוּרְג, אִיז אֲפִילוּ נִישְׁטָא אוֹיף דִי מַאפֶּע, אָבֶּער וָואסְפַּארַא שְׁטֶעטְל עֶס אִיז יָא דָא אַ יְשִׁיבָה, שׁוּהְלְן, מִקְוָואוֹת, אַ קִיבּוּץ פוּן אִידְן, אוּן וָואס מֶער תּוֹרָה עֶס אִיז דָא דָארְט, אִיז אִין דִי מַאפֶּע פוּן הִימְל דָא אַ גְרֶעסֶערֶער רִינְגְל. וַוייל אִין הִימְל וֶוערְט גֶעמָאסְטְן אַ שְׁטָאט, אָדֶער אַ דֶערְפְל, לוֹיט וִויפִיל תּוֹרָה מֶען הָאט דָארְטְן

גֶעלֶערְנְט. וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן, זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן נַארְן.

זָאגְט אָבֶער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י"ב) ; אַז אַ מֶענְטְשׁ גֵייט נָאךְ דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל קֶען עֶר קוּמֶען צוּ מוֹרָא'דִיגֶע טָעוּתִים אוּן עֶר קֶען פַארְקְרִימְט וֶוערְן, אוּן נָאךְ פַארְקְרוּמֶען אַנְדֶערֶע אוֹיךְ, אַזוֹי וִוי דִי מְפוּרְסָמִים וָואס זֵיי הָאבְּן אָפְּגֶענַארְט דִי וֶועלְט. אוּן וָואס אִיז דִי עֵצָה ? צוּ גֵיין מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אוּן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ זָאל עֶר קוּקְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָארְטְן, זָאל עֶר עֶס טוּהְן, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיין כָּבוֹד. אוּן אוֹיבּ דִי אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט דָארְטְן, דֶעמָאלְטְס זָאל עֶר עֶס נִישְׁט טוּהְן. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְּרַאגֶע וִויאַזוֹי קֶען מֶען דָאס וִויסְן ? מְמֵילָא צַדִיקִים וָואס הָאבְּן אֵייבִּיג גֶעזֶעהְן דִי שֵׁם 'הַוַיָ"ה' פַאר זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, הָאבְּן דָאס גֶעקֶענְט וִויסְן, אָבֶער אוּנְז פָּשׁוּטֶע קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלִיךְ, וִויאַזוֹי וֵוייסְט מֶען צוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט, צוּ נִישְׁט ? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט דִי תּוֹרָה אִיז אֵיין זַאךְ, (זוֹהַר וַיִקְרָא עג.): אוּן וִוי עֶס אִיז דָא תּוֹרָה וֵוייסְט מֶען אַז

דָארְטְן אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וִוי עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין תּוֹרָה וַוייסְט מֶען אַז עֶס אִיז פָּשׁוּט לִיגֶענְט, אוּן מֶען מַאכְט דִיר צוּנַאר. אָפְּגֶערֶעדְט אוֹיבּ מֶען רֶעדְט אַקֶעגְן דִי תּוֹרָה אִיז דָאס פָּשׁוּטֶע כּוֹפְרִים בְּעִיקָר, וַוייל אִידְן זֶענֶען אִידְן נָאר דוּרְךְ דִי תּוֹרָה, אוּן אָן דִי תּוֹרָה זֶענֶען מִיר גָארְנִישְׁט.

דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת פט.): פַארְוָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי בַּארְג וָואס מֶען הָאט גֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה פַאר אִידְן, הַר 'סִינַי'? וַוייל פוּן דָארְט אִיז אַרָאפּ אַ 'שִׂנְאָה' אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אוּמוֹת הָעוֹלָם הָאבְּן פַּיינְט בַּאקוּמֶען אִידְן. וַוייל זֵיי שְׁפִּירְן זִיךְ 'גָארְנִישְׁט' קֶעגְן אַ אִיד; אַ אִיד הָאט אַ אַנְדֶערְן חֵן אוּן אַ אַנְדֶערְן חֲשִׁיבוּת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א); אַ אִיד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, אוּן פִירְט זִיךְ לוֹיט דִי תּוֹרָה, הָאט אַ חֵן אוּן אַ חֲשִׁיבוּת, נָאר יֶעצְט אִיז דֶער חֵן אוּן חֲשִׁיבוּת אַרָאפְּגֶעפַאלְן, אוּן עֶס אִיז בַּיי דִי גוֹיִם. וַוייל אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה, אוּן מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט עַל פִּי הַתּוֹרָה, קוּקְט אוֹיס וִוי אַלֶעס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, אוּן וֶוער עֶס אִיז שְׁטֶערְקֶער, אוּן קֶען

בֶעסֶער שְׁלָאגְן, דֶער גֶעווינְט. און פַארְשְׁטֵייט זיך אַז דֶער גוֹי איז אַ גְרֶעסֶערֶע רוֹצֵחַ און קֶען בֶעסֶער שְׁלָאגְן, וֶועגְן דֶעם דַאכְט זיך אַז זֵיי זֶענֶען הֶעכֶער און חָשׁוּבֶער, אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, בַּאקוּמְט מֶען אַ מוֹרָא׳דִיגֶער חֵן. קוּמְט אוֹיס אַז דָארְט ווִי מֶען רֶעדְט וֶועגְן תּוֹרָה, איז דָארְטְן דֶער בַּאשֶׁעפֶער.

ווידֶערְאוּם זָאגְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ (מִשְׁלֵי ב, ו) ; **׳מִפִּיו דַּעַת וּתְבוּנָה׳**. פוּן דִי מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען דֶעם גַאנְצְן מֶענְטְשׁ. דֶערְפַאר אַז מֶען רֶעדְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וֵוייסְט מֶען אַז דָארְטְן איז דֶער בַּאשֶׁעפֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה סִימָן א) : **׳מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִיבּוּל פֶּה בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחְשָׁבוֹת אָוֶן**. אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט שְׁמוּץ איז אַ סִימָן אַז דָאס טְרַאכְט עֶר. פַארְקֶערְט אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, איז אַ סִימָן אַז זַיין גַאנְצֶער קָאפּ טְרַאכְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער. דָאס איז וָואס דֶער תַּנָא זָאגְט (אָבוֹת פֶּרֶק ה, מִשְׁנָה כב) : **׳לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא׳**. לוֹיט דֶעם מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ קֶען מֶען זֶעהְן זַיין צַעַר אָדֶער זַיין שְׂכַר. רֶעדְט עֶר נֶעבֶעךְ שְׁמוּץ איז דָאס אַלֵיין זַיין

צַעַר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי כא, כ"ג); **'שׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שׁוֹמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ'**. אַז אַ מֶענְטְשׁ הִיט אָפּ דֶעם דִיבּוּר, הִיט עֶר זִיךְ אָפּ פוּן אַסַאךְ צָרוֹת אִין לֶעבְּן. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט: (קֹהֶלֶת ו, ז); **'כָּל עָמָל אָדָם לְפִיהוּ'**. אַלֶעס וָואס אַ מֶענְטְשׁ מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִיז צוּ זַיין מוֹיל. לֵייגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ צוּ (זוֹהַר שְׁמִינִי מב.); אֵיין וָוארְט 'בְּגִין' פִּיהוּ, אַלֶעס קוּמְט וֶועגְן עֶר הִיט נִישְׁט דֶעם מוֹיל. קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ, וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פוּן דִי מַעְלָה פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן מְקַיֵים זַיין דִי מִצְווֹת בְּשִׂמְחָה, אוּן וואוּ מֶען אִיז אִים מְחַזֵק אַז עֶר קֶען אוֹיךְ מַצְלִיחַ זַיין.

## ב.

חַזַ"ל זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית): **'עוֹנֶג שַׁבָּת כְּאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת'**. דָאס וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט הֲנָאָה אִין שַׁבָּת, אִיז אַזוֹי וִוי טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן י"ז): אַז מֶען דַארְף אַ

גַאנְצְן שַׁבָּת זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ. אָבֶּער שַׁבָּת אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע צַייט צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן פַּאסִירְן נָאר אִין שַׁבָּת, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא קַמָּא לז.): בַּיי אַ אָקְס וָואס שְׁטוֹיסְט, אִיז דָא אַ 'תָּם' – וָואס הָאט נָאר גֶעשְׁטוֹיסְן צְוֵויי מָאל – אוּן אַ 'מוּעָד' – וָואס הָאט שׁוֹין גֶעשְׁטוֹיסְן דְרֵיי מָאל–, זָאגְן דִי חַזַ"ל דָארְט, אַז עֶס אִיז דָא 'מוּעָד לְשַׁבָּתוֹת' עֶר הָאט שׁוֹין גֶעשְׁטוֹיסְן דְרֵיי מָאל 'שַׁבָּת'. זָאגְט רַשִׁ"י: פוּן וואוּ נֶעמְט זִיךְ דָאס עֶר זָאל זַיין אַ מוּעָד לְשַׁבָּתוֹת, עֶר וֵוייסְט דֶען וֶוען עֶס אִיז שַׁבָּת? נָאר וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט טוּעֶן אַ מְלָאכָה מִיט אַ בְּהֵמָה שַׁבָּת, אוּן דֶער אָקְס אַרְבֶּעט נִישְׁט, אוּן מֶען גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן, אוּן עֶר אִיז גוּט אוֹיסְגֶערוּהְט, בְּמֵילָא שְׁטוֹיסְט עֶר. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ פַּאסִירְט אוֹיךְ בַּיי אַ מֶענְטְשׁ, אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז עֶר פַארְיָאגְט אוּן פַארְפְלָאגְט, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין צַייט צוּ גָארְנִישְׁט, אָבֶּער שַׁבָּת זִיצְט עֶר אִין שְׁטוּבּ אוּן גֵייט לֵיידִיג, טְרֶעפְט עֶר אַלֶע חֶסְרוֹנוֹת, אוּן פַארְטְשֶׁעפֶּעט זִיךְ מִיט דִי וַוייבּ אוּן אַזוֹי קוּמְט אַרוֹיס אַלֶע קְרִיגֶערַייעֶן.

דֶער חִידָ"א בְּרֶענְגְט, (מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ד׳ אוֹת ק"מ); עֶרֶב שַׁבָּת זָאל מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מַחְלוֹקֶת, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פְּרוּבִּירְט דֶעמָאלְטְס צוּ צוּבְּרֶעכְן אַלֶע שְׁטוּבֶּער, אוּן דָאס אִיז אַ גְמָרָא מְפוֹרֶשֶׁת, דִי גְמָרָא פַּארְצֵיילְט (גִיטִין נב.): עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי שְׁכֵנִים וָואס פְּלֶעגְן זִיךְ קְרִיגְן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, אִיז רֶבִּי מֵאִיר גֶעקוּמֶען, אוּן זִיךְ אַהִין אַרַיין גֶעזֶעצְט, הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט, הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט אַ קוֹל וָואס זָאגְט: "וֵויי אִיז פַאר מִיר, אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיר פַארְיָאגְט פוּן דָא".

דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת י:): דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: **'מַתָּנָה טוֹבָה יֵשׁ לִי בְּבֵית גְנָזַי וְשַׁבָּת שְׁמָהּ לֵךְ וְהוֹדִיעָם'.** שַׁבָּת אִיז אַ גוּטֶע מַתָּנָה, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אִידְן פוּן זַיין שַׁאץ קַאמֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳ סִימָן נ"ז); **'אֲכִילַת שַׁבָּת כּוּלוֹ קוֹדֶשׁ כּוּלוֹ אֱלוֹקוּת'.** דִי עֶסְן פוּן שַׁבָּת אִיז אִינְגַאנְצֶען הֵיילִיג אוּן אֵיין שְׁטִיק

גֶעטְלִיכְקֵייט, אוּן מִיטְן עֶסְן שַׁבָּת, אָדֶער מִיטְן הַנָאָה הָאבְּן אִין שַׁבָּת פַארְשְׁפָּארְט מֶען זִיךְ טוֹיזְנְטֶער תַּעֲנִיתִים, וָואס מֶען וָואלְט גֶעדַארְפְט פַּאסְטְן אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה, לוֹיט וִוי דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ רֶעכְנְט אוֹיס, (עַיֵין שַׁעַר רוּחַ הַקוֹדֶשׁ תִּקוּן רז): אוּן וֶוער קֶען דֶען פַּאסְטְן אַזוֹיפִיל יָארְן, אוּן מִיט אֵיין 'עוֹנֶג שַׁבָּת' הָאט עֶר שׁוֹין טוֹיזְנְט תַּעֲנִיתִים. חַזַ"ל לֶערְנֶען אַרוֹיס (שַׁבָּת קי"ז:): פוּן דֶעם פָּסוּק (שְׁמוֹת טז' כ"ה): **'אִכְלוּהוּ הַיוֹם כִּי שַׁבָּת הַיוֹם'** וְכוּ' אַז שַׁבָּת מוּז מֶען עֶסְן דְרֵיי סְעוּדוֹת. אוּן דִי חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קיח.): אַז וֶוער עֶס עֶסְט דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת וֶוערְט נִיצוֹל פוּן גוֹג וּמָגוֹג אוּן פוּן אַלֶע צָרוֹת. דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת פח.); אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְפֶעלְט אֵיין סְעוּדָה אִיז דָאס אַ פְּגַם אִין דִי אֱמוּנָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט, (חַיֵי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ל"ב): דֶער בַּאשֶׁעפֶער הֵייסְט שׁוֹין יָא עֶסְן, אוּן זָאגְט 'קִינְדֶערְלֶעךְ עֶסְט', אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיךְ שְׁוֶוער מְקַיֵים צוּ זַיין.

חַזַ"ל זָאגְן (בֵּיצָה טז.): רֹאשׁ הַשָׁנָה שְׁרַייבְּט מֶען אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ וִויפִיל עֶר וֶועט הָאבְּן אַ גַאנְץ יָאר, חוּץ

דָאס וָואס עֶר גֶעט אוֹיס, פַאר שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, אוּן שְׂכַר לִימוּד פַאר דִי קִינְדֶער. זָאג אִיךְ שְׁטֶענְדִיג, אוֹיב אֵיינֶער פַארְדִינְט וֶוייניִג, וַוייל מֶען הָאט אִים אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרִיבְּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאךְ זָאגְן אָבֶּער דִי חַזַ"ל, בַּיי שַׁבָּת זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (בֵּיצָה טו:): 'לְווּ עָלַי וַאֲנִי פּוֹרֵעַ'. בָּארְג אוֹיף מַיין חֶשְׁבּוֹן אוּן אִיךְ וֶועל בַּאצָאלְן. אִיז דָא אַ גוּטֶע עֵצָה, אַז עֶר זָאל קוֹיפְן אוֹיף שַׁבָּת, מִיט אַזָא מִין שֶׁפַע אוּן בְּרֵייטְקַייט, אַז עֶס וֶועט אִים בְּלַייבְּן אוֹיף אַ גַאנְצֶע וָואךְ, אוּן דָאס בַּאצָאלְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער. [אַגַב. דֶערְפַאר דַארְף מֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן כְּדֵי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאל אוֹיף אוּנְז מְלַמֵד זְכוּת זַיין, מִיר זָאלְן הָאבְּן גֶענוּג פַּרְנָסָה אוּן אַלֶע גֶעבְּרוֹיכְן, אַ גַאנְץ יָאר.]

### ג.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט, (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת מֶקַח וּמִמְכָּר ד י"ט): עֶרֶב שַׁבָּת אִיז אַ זְמַן פוּן תְּשׁוּבָה. אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ, עֶס

אִיז יֶעצְט דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ. צוּ הָאבּ אִיךְ גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָש רַשִ״י מִיטְן תַּרְגוּם, אוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען? הָאבּ אִיךְ יֶעדְן טָאג גֶעלֶערְנְט אַ פֶּרֶק אָדֶער עֶטְלִיכֶע פְּרָקִים, מִשְנַיוֹת? אַ דַף גְמָרָא? אוּן אַז מֶען זֶעהְט אַז נִישְט. נֶעמְט מֶען זִיךְ פָאר דָאס צוּ פַארֶעכְטְן, אוּן פוּן יֶעצְט-אָן וֶועט מֶען לֶערְנֶען מֶער אוּן מֶער. אוּן אוֹיבּ יָא ׳בָּרוּךְ הַשֵׁם׳ הָאט מֶען זִיךְ מִיט וָואס מְחַזֵק צוּ זַיין, אוּן מֶען אִיבֶּערְצַייגְט זִיךְ אַז מֶען אִיז אוֹיף אַ גוּטְן פְּלַאץ, וָואס מֶען הָאט אִים נִישְט אָפְּגֶענַארְט, אוּן עֶר אַלֵיין הָאט זִיךְ אוֹיךְ נִישְט אָפְּגֶענַארְט.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסְן תַּלְמִיד, רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זַצַ״ל. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יָתוֹם אַלְץ קִינְד שׁוֹין, [פַארְצַייטְנְס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בִּיטֶער אוֹיף אַ יָתוֹם, וַוייל עֶס אִיז נִישְט גֶעוֶוען וֶוער עֶס זָאל זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיף אִים,] אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְטַאנֶען בַּיי זַיין פֶעטֶער, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אוֹיף דִי גַאסְן, בִּיז עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שֶעפְּן וַואסֶער, אוּן פַארְדִינְט גֶעלְט. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי

נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם פֶּעטֶער, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ רַייכֶער מֶענְטְשׁ, רֶבִּי נַחְמָן וָואס אִיז דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען קַיין דִבְרֵי תּוֹרָה, אָבֶער עֶר הָאט גֶעהֶערְט וִוי רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה רֶעדְט, אִינְמִיטְן הֶערְט עֶר אֵיין וָוארְט, וָואס אִיז אִים אַרַיין אִין קָאפּ; 'גֶעלְט אִיז נִישְׁט, אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא, אוּן מֶען קֶען דָאס בַּאקוּמֶען'! אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען אַז עֶר גֵייט שׁוֹין נָאכְגֵיין רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן עֶר הָאט אִים שׁוֹין טַאקֶע נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט, אוּן עֶר הָאט אִים בַּאדִינְט. [חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): 'גָּדוֹל שִׁימוּשָׁהּ שֶׁל תּוֹרָה יוֹתֵר מִלִּמּוּדָהּ'. 'מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַ תַּלְמִיד חָכָם אִיז נָאךְ מֶער וִוי לֶערְנֶען פוּן אִים'. וַוייל וֶוען מֶען גֵייט נָאךְ אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, לֶערְנְט מֶען זִיךְ אַסַאךְ פוּן אִים, אוּן אֲפִילוּ פוּן זַיין פָּשׁוּטֶער פִירוּנְג קֶען מֶען זִיךְ אַסַאךְ לֶערְנֶען, אוּן מֶען קוּקְט נָאכְדֶעם צוּרִיק, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן

תקמ״ד) דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן זֶענֶען נָאכְגֶעגַאנְגֶען יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקֵייט בַּיי זֵייעֶר רֶבִּי׳ן זֶענֶען בַּיים סוֹף גֶעוָוארְן אַלֵיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי וִוי מֶען הָאט דָאס גֶעזֶעהְן אִין אוּנְזֶערֶע צַייטְן. אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי הֶערְש מְרִימְנוּב זי״ע וָואס עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטְרֵיי בַּאדִינְט, דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מֶענְדְל מְרִימְנוּב זי״ע בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן נָאכְדֶעם אַלֵיין אַזוֹי גְרוֹיס וִוי אִים. אוּן דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע צַייטְן אִיז אוֹיךְ פָארְגֶעקוּמֶען דָאס זֶעלְבֶּע, בַּיים גְרוֹיסְן צַדִיק אוּן בַּעַל מוֹפֵת הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי יְשַׁעְיָ׳לֶע קֶרֶעסְטִירֶער זי״ע וָואס עֶר הָאט בַּאדִינְט דֶעם הֵיילִיגְן לִיסְקֶער רָב בַּעַל אַךְ פְּרִי תְּבוּאָה זי״ע. וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ בַּאדִינְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר גֵייט מִיט אִים, מִיט. לֶערְנְט עֶר זִיךְ אוֹיס וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ.] אוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנַיוֹת, אוּן ׳עֵין יַעֲקֹב׳, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעאַרְבֶּעט אוּן פוּן נַחְמָן וַואסֶער טְרֶעגֶער, אִיז גֶעוָוארְן דֶער גְרוֹיסֶער רֶבִּי נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין וָואס

איז גֶעוֶוען אַ הֶעכֶערֶער סָארְט מֶענְטְשׁ. קוּמְט אוֹיס אַז בַּיי אַן אֱמֶתְ׳ן עֶרְלִיכֶער אִיד דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט.

און אַז אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, און מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן עֶרֶב שַׁבָּת, אִיז עֶר נָאכְדֶעם זוֹכֶה צוּ אַ לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שְׁמוֹת, בְּשַׁלַּח סג:): אַז אַלֶע בְּרָכוֹת וָואס קוּמְט אַ גַאנְצֶע וָואךְ אִיז נָאר בִּזְכוּת שַׁבָּת, אוּן אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵיילֶעךְ שַׁבָּת, אוּן עֶר זִינְגְט זְמִירוֹת מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן עֶר זִיצְט מִיט דִי קִינְדֶער צוּזַאמֶען, אוּן דֶערְצֵיילְט זֵיי אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק, סֵיי פְרַייטִיג צוּנַאכְט, סֵיי שַׁבָּת בַּייטָאג, דָאס אִיז דֶער עִיקָר חִינוּךְ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רמ״ח): אַז מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק צִיהְט דָאס דֶעם הַארְץ צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אָבֶער פַארְקֶערְט אַז מֶען רֶעדְט חַס וְשָׁלוֹם פָּאלִיטִיק, אוֹיף דֶעם רֶבִּי׳ן, אָדֶער אוֹיף דֶעם רֶבִּי׳ן, אִיז דָאס גוֹרֵם נָאכְדֶעם אַז דָאס קִינְד בַּאשְׁלִיסְט אַז בֵּיידֶע זֶענֶען נִישְׁט, בִּיז עֶר וֶוערְט אַ כּוֹפֵר בַּכֹּל, אוּן עֶר לָאזְט אַלֶעס

אָפּ רַחֲמָנָא לִצְלָן, ווֶעגְן דֶעם דַארְף מֶען אוֹיף דֶעם זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

ד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז מַסְבִּיר (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, הַשְׁכָּמַת הַבֹּקֶר הֲלָכָה א): דָאס עִנְיָן וָואס מֶען זֶעהְט בַּיי דִי מִצְוָה פוּן פָּרָה אֲדוּמָה אַז דָאס אִיז 'מְטַהֵר טְמֵאִים' אוּן 'מְטַמֵא טְהוֹרִים', אוּן דֶערְפַאר ווֶערְט דָאס אָנְגֶערוּפְן אַ חוֹק; אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן: ווִי טָמֵא עֶר זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, קֶען עֶר נָאךְ אוֹיךְ ווֶערְן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד דוּרְכְן צַדִיק. ווִידֶערְאוּם ווֶען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שׁוֹין אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אוּן עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶה אוּן מְחַזֵק, אוּן אִיז שׁוֹין מְחַזֵק אַנְדֶערֶע אוֹיךְ, ווֶעט עֶר מֵיינֶען אַז עֶר אִיז שׁוֹין עֶפֶּעס, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז עֶר אִיז נָאךְ גָארְנִישְׁט. קוּמְט אוֹיס אַז ווֶען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז 'טָמֵא' אִיז דֶער צַדִיק אִים 'מְטַהֵר' מִיט דִי **נְקוּדוֹת טוֹבוֹת**, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רפ"ב): אַז מֶען אִיז

מְחוּיָב צוּ טְרֶעפְן אִין זִיךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט אַ קוּנְץ זִיךְ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ס״א): אַז אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף הָאבְן אֱמוּנָה אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ הָאבְן אֱמוּנָה אִין זִיךְ אַז עֶר קֶען יָא. אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שׁוֹין זוֹכֶה אוּן וֵוייסְט אַז עֶר קֶען יָא וְכוּ׳ אוּן אִיז שׁוֹין טָהוֹר, דַארְף עֶר שׁוֹין וִויסְן אַז עֶר קֶען גֵיין נָאךְ הֶעכֶער, אוּן דָאס אִיז ׳מְטַהֵר טְמֵאִים׳, ׳מְטַמֵא טְהוֹרִים׳.

אִיךְ הָאב דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַבִּיסְל אַנְדֶערְשׁ: מֶען זֶעהְט אַז עֶס קוּמְט צוּ אַ צַדִיק אַ בָּחוּר וָואס אִיז פוּל מִיט עֲבֵירוֹת אוּן שְׁמוּץ, רַחֲמָנָא לִצְלָן. אוּן דֶער צַדִיק גֶעבְּט זִיךְ אָפּ מִיט אִים, אוּן מֶען בּוֹיעֶט אִים אוֹיף, בִּיז עֶר הָאט חֲתוּנָה, אוּן נָאכְדֶעם אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם קְרִיגְט עֶר זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶר וִויל זִיךְ גֶטְ׳ן, לֵייגְט זִיךְ דֶער צַדִיק וַוייטֶער אַרַיין, אוּן זֶעהְט עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט גֶטְ׳ן, בִּיז בָּרוּךְ הַשֵׁם עֶר הָאט שׁוֹין קִינְדֶער וְכוּ׳, אוּן דֶער צַדִיק הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס מִיט יֶעדְן פְּרַט, קוּמְט אוֹיס אַז דָאס אִיז ׳מְטַהֵר טְמֵאִים׳, וַוייל עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען

אַ טָמֵא אַלְץ בָּחוּר וְכוּ׳, אָבֶער נָאכְדֶעם וֶוערְט עֶר שׁוֹין גְרוֹיס בַּיי זִיךְ, בִּיז רַחֲמָנָא לִצְלָן עֶר אִיז ׳מְטַמֵא טְהוֹרִים׳ אוּן עֶר רֶעדְט שׁוֹין אוֹיךְ ׳כָּל דָבָר אָסוּר׳ אוֹיף דֶעם צַדִיק וָואס הָאט אִים מְטַהֵר גֶעוֶוען, אוּן זָאגְט אַז דֶער צַדִיק אִיז גָאר טָמֵא, אוּן עֶר הָאט פַארְגֶעסְן וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען. דָאס אִיז אַ חוֹק וָואס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא׳דִיג אַכְטוּנְג גֶעבְּן דֶערוֹיף, אוּן אַז מֶען הָאט אִים גֶעטוּהְן אַ טוֹבָה זָאל עֶר נִישְׁט צוּרִיק צָאלְן קַיין שְׁלֶעכְטְס. שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט: (מִשְׁלֵי יז י״ג): **׳מֵשִׁיב רָעָה תַּחַת טוֹבָה לֹא יָמוּשׁ רָעָה מִתּוֹךְ בֵּיתוֹ׳** אַ כָּפוּי טוֹבָה אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טוּהן נָאר גוּטְס, אֵיי אַז מֶען טוּט פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַ טוֹבָה, וֶועט מֶען נָאכְדֶעם צוּרִיק בַּאקוּמֶען שְׁלֶעכְטְס, דַארְף מֶען וִויסְן: אַז פוּן טוּהְן אַ טוֹבָה פַאר אַ אִיד דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט.

בַּיי דִי בֶּעלְזֶער יוֹשְׁבִים הָאט מֶען גֶעוִויסְט אַז וֶוען מֶען הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ, אַז מֶען

הָאט נָאר גֶעזָאגְט: ׳דֶער בָּחוּר אִיז אַ בַּעַל חֶסֶד׳ הָאט מֶען שׁוֹין גָארְנִישְׁט גֶעדַארְפְט מֶער! וַוייל אַז אַ בָּחוּר גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ זַיין גוּט אוּן טוּהְן אַ טוֹבָה אַ צְוֵוייטְן, דָאס אִיז שׁוֹין דֶער גְרֶעסְטֶער יִחוּס.

עֶס הָאט פַּאסִירְט בַּיי דֶעם בִּיַאלֶער רֶבִּי זי״ע, וֶוען מֶען הָאט גֶערֶעדְט פַאר זַיין זוּהְן אַ שִׁידוּךְ, אוּן זֵיי זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מְיוּחָסִים, פוּן יְהוּדִי הַקָדוֹשׁ וְכוּ׳, אוּן דֶער מְחוּתָּן אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל הַבַּיִת׳ישֶׁער מֶענְטְשׁ, אוּן נִישְׁט קַיין יַחְסָן, אָבֶּער עֶר הָאט גֶעטוּהן חֶסֶד מִיט מֶענְטְשְׁן, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען פְרֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן בֶּעלְזֶער רָב זי״ע וָואס טוּהְט מֶען, מִיר זֶענֶען מְיוּחָסִים, אוּן דֶער אִיד אִיז טַאקֶע אַ וואוֹילֶער עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן טוּט אַסַאךְ חֶסֶד, אָבֶּער פוּן אַ פָּשׁוּטֶע מִשְׁפָּחָה, זָאגְט אִים דֶער בֶּעלְזֶער רָב זי״ע ׳מִיט אַ צִיטֶער׳, אַז עֶר טוּהְט ׳חֶסֶד׳ אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶער יִחוּס.

אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער חֶסֶד אִיז, מְחַזֵק צוּ זַיין אַ אִיד! וֶוען עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן אוּן פַארְלוֹירְן. וַוייל וִויפִיל מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן נֶעבֶּעךְ אַרוּם מִיט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען,

זיך צו נעמען דעם לעבן, פון רוב צרות, און ער פילט אז ער קען שוין נישט מער, עס טרעט אים צו, צום הארץ - רחמנא לצלן, און בפרט אז א מענטש האט קראנקע קינדער קען מען - רחמנא לצלן - אראפ גיין פון זינען. דער 'חזון איש' זי"ע האט געזאגט: 'א מענטש וואס האט - רחמנא לצלן - קראנקע קינדער, דארף מען זיך אויפשטעלן פאר אים'. אדער א מענטש וואס האט יסורים אין שטוב, מעג ער זיין אפילו א שוסטער, אדער א שניידער, אז ער האט אזא פעקל אין שטוב און דאך האט ער נישט קיין טענות צום באשעפער, נאר ער דאנקט נאך דעם באשעפער, און ער קען זיך דערהאלטן, פאר דעם מענטש מעג מען זיך אויפהייבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין צו טוהן נאר גוטס פאר אידן, און מחזק זיין אידן, וואס דאס איז אין הימל זייער חשוב. דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן ק"ו): אויף דעם פסוק (תהלים מא): 'אשרי משכיל אל דל'. וואויל איז דעם מענטש וואס ער גיט אריין שכל פאר א ארימאן, וואס

דָאס מֵיינְט אֵיינֶער וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל. וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט (נְדָרִים מא.); 'דְדָא בֵּיה כּוּלָא בֵּיה'. וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל הָאט אַלֶעס, און וֶוער נִישְׁט, הָאט גָארְנִישְׁט. קוּמְט אוֹיס אַז אַ אָרֶעמַאן הֵייסְט אֵיינֶער וָואס אִיז צוּבְּרָאכְן און הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, און אַז מֶען אִיז אִים מְחַזֵק און מְעוֹדֵד, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, און דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה וָואס קֶען נָאר זַיין. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם און מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה צוּ הֶערְן דֶעם קוֹל שׁוֹפָר פוּן מֶלֶךְ הַמָשִׁיחַ.

**~תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

# אַ שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תְּפִלָּה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טוּ מִיט מִיר חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים, אוּן הִיט מִיךְ אָפּ פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אוּן בַּאגְלִיק מִיךְ מִיט שֵׂכֶל אִיךְ זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז פוּן דִיר.

(אשר בנחל חלק א' מכתב מ)

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר עֶס זָאל מִיר גוּט זַיין, אוּן אִיךְ זָאל פַארְשְׁטֵיין אַז דוּ וִוילְסְט נָאר מַיין גוּטְס.

(אשר בנחל חלק א' מכתב קל"ד)

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# דַאוָוענֶען אִיז נִישְׁט קַיין בַּארְג

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גָעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַּׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער,
וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת בָּלָק תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן כָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי,
דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ, אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט,
וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים
פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ט' וְסִימָן קי"ב) דָאס דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען דְהַיְינוּ "תֵּיבַת הַתְּפִלָּה" דָאס אִיז תֵּיבַת נֹחַ, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אַ מַבּוּל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן מ"ד) וָואס דָאס אִיז לָשׁוֹן בִּלְבּוּל, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט בִּלְבּוּלֵי מַחְשָׁבוֹת, עֶס קוּמֶען אִים אַרוֹיף אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, אִיז דִי עֵצָה זִיךְ צוּ פַארְשְׁטֶעקֶן אִין דִי "תֵּיבָה" וָואס דָאס אִיז "תֵּיבַת הַתְּפִלָּה", אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ') דָאס וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ תִּיקוּן הַבְּרִית, שְׁפִּירְט עֶר אַלֶע טַעֲמִים בַּיים דַאוֶוענֶען, בְּחִינַת מַיִין מְתוּקִין, עֶר שְׁפִּירְט אַ זִיסְקֵייט בַּיים דַאוֶוענֶען, עֶס גְלִיסְט זִיךְ אִים צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען, אוּן חָלִילָה וְחַס אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית, דֶעמָאלְט שְׁפִּירְט עֶר אַ בִּיטֶערְנִישׁ בַּיים דַאוֶוענֶען, בְּחִינַת מַיִין מְרוּרִין, אוּן עֶס וִויל זִיךְ נִישְׁט דַאוֶוענֶען, אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען אַסַאךְ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי בָּחוּרִים אוּן אִין דִי אִינְגֶעלַייט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, אִין אַ סִידוּר דֵיְיקָא, וְוִי דִי צַדִיקִים טַייטְשְׁן דִי פָּסוּק (אֶסְתֵּר ט) "אָמַר עִם הַסֵפֶר יָשׁוּב מַחְשַׁבְתּוֹ הָרָעָה" וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט אַרַיין אִין סִידוּר אוּן עֶר זֶעט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶוענֶען טְרַאכְט עֶר נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, דֶערְפַאר אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ דַאוֶוענֶען אִין סִידוּר דֵיְיקָא.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ב' מִכְתָּב קצז)

# דַאוֶוענֶען אִיז נִישְׁט קַיין בַּארְג

א.

׳וַיַּרְא בָּלָק בֶּן צִיפּוֹר אֶת כָּל אֲשֶׁר עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמוֹרִי׳ (בַּמִדְבָּר כב, ב): זָאגְט רַשִׁ״י: בָּלָק הָאט גֶעזָאגְט מַה-דָּאךְ דִי צְוֵויי שְׁטֶערְקְסְטֶע מְלוּכוֹת פוּן סִיחוֹן אוּן עוֹג הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט בֵּייקוּמֶען דִי אִידְן, וֶועלְן מִיר אַוַודַאי זֵיי נִישְׁט קֶענֶען בֵּייקוּמֶען, וֶועגְן דֶעם ׳וַיָּגָר מוֹאָב׳ הָאט מוֹאָב מוֹרָא גֶעהַאט.

די הייליגע חכמים זאָגן (ברכות נד:): עוג מלך הבשן האט געזאָגט: מחנה ישראל כמה הוי? װי גרויס איז די יודישע מחנה? תלתא פרסי! דריי פרסאות. װעל איך גיין, און אויסרייסן אַ באַרג פון דריי פרסאות, און איך װעל דאס אַרויף װאַרפן אויף זיי, און ער האט טאַקע אַזוי געטוען, ער האט אויסגעריסן אַ באַרג װאס איז גרויס דריי פרסה, און ער האט דאס אַרויף געלייגט אויף זיין קאפ, און דערװייל האט דער באַשעפער געמאַכט אַ נס, אַז עס איז געקומען װערים און האבן געלעכערט דעם באַרג, און עס איז אַראפגעגאַנגען ביז צו זיין האַלז, האט ער עס געװאָלט אַרויסשלעפן, האבן זיך זיינע צװיי ציינער אויסגעצויגן און צושפרייט, אויף דער זייט, און אויף דער זייט. איז געקומען משה רבינו װאס איז געװען הויעך צען אמות, און גענומען אַ האַק װאס איז געװען לאַנג צען אמות, און האט אַ שפרונג געגעבן צען אמות, אַזוי האט ער דערגרייכט ביז צו זיין קנעכל, און האט אים אַ האַק געגעבן און ער איז אַראפגעפאַלן און געשטאָרבן.

דער הייליגער רבי איז מגלה אויף דעם אַ מוראדיגע גילוי (ליקוטי מוהר"ן חלק ב, סימן ח): וואס איז די מחנה פון אַ יוד, ער זאָל וויסן אַז ער איז נאָך אין די מחנה פון די קדושה?! ג' פרסאות'. וואס דאס גייט אַרויף אויף די דריי תפלות! שחרית מנחה מעריב. ווייל דער עיקר פון אַ איד איז זיין נשמה, וואס דאס איז אַ חלק אלוקי ממעל, און דאס ווערט נתגלה דורך זיין אמונה, דאס הייסט אַז ער דאַווענט צום בורא כל עולמים, און ער רעדט צום באַשעפער. אַזוי ווי עס שטייט (קהלת ג י"ט): 'ומותר אדם מן הבהמה 'אין', עס איז נישט דאָ קיין חילוק צווישן אַ מענטש און אַ בהמה נאָר דער דיבור. און שלימות הדיבור איז אַז מען רעדט צום אייבערשטן (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן ס"ו). ווייל אַ גוי רעדט אויכעט, אָבער וויבאַלד ער איז נישט מכיר דעם באַשעפער, איז ער אַזוי ווי אַ חיה, און זיין דיבור איז נישט קיין דיבור.

דער רמב"ם ברענגט (הלכות תפלה פרק א, סימן ד): אַז אין אָנפאַנג, ווען אַ איד האט עפעס געדאַרפט האָבן, האט ער געבעטן דעם באַשעפער אויף זיין שפראַך,

וָואס דָאס אִיז דִי מִצְוֹות עֲשֵׂה פוּן תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים יא י״ג): ׳וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם׳, מֶען זָאל דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ. אוּן דִי גְמָרָא דַרְשֶׁ׳נְט (תַּעֲנִית ב.): **אֵיזֶהוּ עֲבוֹדָה שֶׁבַּלֵב? זוֹ תְּפִלָּה!** אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף תְּפִלָּה, נָאר שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי אַנְשֵׁי כְּנֶסֶת הַגְדוֹלָה, אוּן הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז עֶס וֶועט זַיין אַ גְרוֹיסֶער גָלוּת אוּן מֶען וֶועט נֶעבֶּעךְ פַארְגֶעסְן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, הָאבְּן זֵיי מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת. דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת כו:): אַקֶעגְן וֶועם הָאט מֶען מְתַקֵן גֶעוֶוען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת?! אֵיינֶער זָאגְט אַקֶעגְן דִי אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב. אֵיינֶער זָאגְט אַקֶעגְן דִי קָרְבָּנוֹת.

אוּן דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט הַאלְט זִיךְ נָאר דוּרֶעךְ דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת, וַוייל אַ אִיד וֵוייסְט, וֶוען עֶר שְׁטֵייט אוֹיף קֶען עֶר גָארְנִישְׁט טוּהְן, נָאר עֶר מוּז גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁחְרִית, דָאס זֶעלְבֶּע וֶוען עֶס קוּמְט נָאכְמִיטָאג, יָאגְט עֶר זִיךְ שׁוֹין, אוּן וֵוייסְט אַז עֶר דַארְף גֵיין דַאוֶוענֶען מִנְחָה. בַּיינַאכְט וֵוייסְט עֶר אַז עֶר דַארְף

דאַווֶענֶען מַעֲרִיב. קוּמְט אוֹיס אַז דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, הַאלְט אִים אָן אִין דִי מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל.

פַּארְקֶערְט אוֹיךְ, פוּן וואוּ זֶעהְט מֶען אַז אַ אִיד וֶוערְט אָפְּגֶעקִילְט פוּן אִידִישְׁקַייט? אַז עֶר פַּאנְגְט אָן מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת, עֶס פַּאנְגְט זִיךְ אָן מִיט מִנְחָה, עֶר מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן אִיךְ וֶועל שׁוֹין דאַווֶענֶען צְוֵויי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה'ס בַּיי מַעֲרִיב וְכוּ', דֶערְפַּאר זָאגְן חַזַ"ל (בְּרָכוֹת ו:): 'לְעוֹלָם יְהֵא אָדָם זָהִיר בִּתְפִלַּת הַמִּנְחָה שֶׁכֵּן אֵלִיָּהוּ לֹא נַעֲנֶה אֶלָּא בִּתְפִלַּת הַמִּנְחָה', אַ מֶענְטְשׁ זָאל זֵייעֶר גֶעוָוארֶענְט זַיין צוּ דאַווֶענֶען מִנְחָה, וַוייל אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא אִיז נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן נָאר בַּיי מִנְחָה. וַוייל בַּיי דִי צַייט פוּן מִנְחָה אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶוענְטְלִיךְ אִינְמִיטְן דִי אַרְבֶּעט אִיבֶּערְהוֹיבְּט ווינְטֶער, דֶערְפַּאר דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ דאַווֶענֶען מִנְחָה, אוּן נִישְׁט מְזַלְזֵל זַיין אִין דֶעם חָלִילָה. דָאס זֶעלְבֶּע בַּיי מַעֲרִיב דַארְף מֶען נִזְהָר זַיין, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ד:): אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט: אִיךְ וֶועל קוֹדֶם עֶסְן אַבִּיסְל, שְׁלָאפְן אַבִּיסְל, אוּן נָאכְדֶעם פַּארְשְׁלָאפְט עֶר דִי גַאנְצֶע

נַאכְט. דָאס זֶעלְבֶּע בַּיי שַׁחְרִית הֵייבְּט מֶען אָן אַרָאפְּצוּצִיפְּן, מֶען טְרַאכְט אִיךְ וֶועל שׁוֹין זָאגְן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, יִשְׁתַּבַּח, קְרִיאַת שְׁמַע וְכוּ׳, אוּן אַזוֹי צוּבִּיסְלֶעךְ לָאזְט מֶען אִינְגַאנְצְן אָפּ דָאס דַאוֶועַנֶען חַס וְשָׁלוֹם.

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שָׁם): ״עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר אַ שְׁטַארְקֶע קְלִיפָּה, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט עוֹקֵר זַיין דִי אִידְן פוּן מַחְנֶה יִשְׂרָאֵל, דֶערְפַּאר הָאט עֶר גֶעבְּרֶענְגְט אַ בַּארְג״. דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֶר הָאט גֶעוָואלְט שְׁוֶוער מַאכְן דָאס דַאוֶועַנֶען פַּאר אִידְן, אוּן עֶס זָאל זַיין אַזוֹי וִוי אַ שְׁוֶוערֶע בַּארְג, אוּן אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דַאוֶועַנֶען. [אוּן מֶען זֶעהְט נֶעבֶּעךְ מֶענְטְשְׁן טוּעֶן שׁוֹין אוֹיס דִי תְּפִילִין אִינְמִיטְן הוֹיכֶע שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן בַּיי תַּחְנוּן אִיז עֶר שׁוֹין אַנְטְלָאפְן, אֶמֶת מֶען קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם דַן זַיין לְכַף זְכוּת, וַוייל אִידְן אַרְבֶּעטְן נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ פַארְדִינֶען עֶפֶּעס גֶעלְט, אָבֶּער עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דִי מַעֲשֶׂה אַז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע הָאט אַמָאל גֶעזֶעהְן אַ אִיד לוֹיפְט, פְּרֶעגְט עֶר אִים: וואוּ לוֹיפְסְטוּ? זָאגְט עֶר אִים: וָואס זָאל אִיךְ טוּעֶן! אִיךְ

דַארְף לוֹיפְן צוּ מַיין פַּרְנָסָה! זָאגְט עֶר אִים: וֶוער זָאגְט אַז דָארְטְן וואו דוּ לוֹיפְסְט אִיז דַיין פַּרְנָסָה?! אֶפְשָׁר אַנְטְלוֹיפְסְטוּ פוּן דַיין פַּרְנָסָה!.]

דֶער אֲרִ"י הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שַׁעַר הַכַּוָנוֹת עִנְיָן הַקַדִישׁ דַף יד, טוֹר ג): תְּפִלַּת שַׁחְרִית אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט לוֹיט דִי פִּיר וֶועלְטְן, וָואס וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן 'אַצִילוּת' 'בְּרִיאָה' 'יְצִירָה' 'עֲשִׂיָה'. דִי עֶרְשְׁטֶע אִיז דִי קָרְבָּנוֹת וָואס דָארְטְן פַּארְעֶכְט מֶען דִי 'עוֹלָם עֲשִׂיָה', דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט דִי קָרְבָּנוֹת. בַּיי 'פְּסוּקֵי דְזִמְרָה' גֵייט מֶען שׁוֹין אַרוֹיף אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע עוֹלָם, וָואס דָאס אִיז 'עוֹלָם הַיְצִירָה', בַּיי דִי בְּרָכוֹת פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אִיז 'עוֹלָם הַבְּרִיאָה', בִּיז בַּיי שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה אִיז מֶען שׁוֹין אִין 'עוֹלָם הָאַצִילוּת', אוּן נָאכְדֶעם וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין אִין עוֹלָם אַצִילוּת, גֵייט מֶען שׁוֹין אַרוֹיף גָאר גָאר הוֹיעֶך, וָואס דָאס אִיז 'נְפִילַת אַפַּיִם', נָאכְדֶעם הֵייבְּט אָן אַרָאפּ צוּ קוּמֶען דֶער שֶׁפַע, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שֶׁפַע דְאַצִילוּת', וֶוען מֶען זָאגְט אַשְׁרֵי וּבָא לְצִיוֹן. אוּן פּוּנְקְט דֶעמָאלְטְס אַנְטְלוֹיפְט מֶען. אוּן אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶעמָאלְט גֵייט מֶען אִים גֶעבְּן דִי שֶׁפַע.

דָאס איז דֶער בַּארְג וָואס עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן לֵייגְט אַרוֹיף אוֹיף יֶעדְן יוּד. וְוענְן דֶעם איז גֶעקוּמֶען משֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ גוּטְן הַאק, עֶר זָאל נִישְׁט אַוֶועק נֶעמֶען דִי אִידְן פוּן דַאוָוענֶען דִי דְרַיי תְּפִילוֹת.

חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.): **'אֵימָתַי עֵת רָצוֹן בְּשָׁעָה שֶׁהַצִּבּוּר מִתְפַּלְלִין'**, וֶוען אִיז דֶער צַייט וָואס אִיז בַּאוִוילִיגְט אוּן אָנְגֶענוּמֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּשְׁעַת דֶער צִיבּוּר דַאוֶוענְט. אוּן נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (בְּרָכוֹת ו:): וֶוער עֶס אִיז גֶעוואוֹינְט צוּ קוּמֶען דַאוָוענֶען אִין בֵּית הַכְּנֶסֶת, אוּן אֵיין טָאג אִיז עֶר נִישְׁט גֶעקוּמֶען, פְּרֶעגְט דֶער בַּאשֶׁעפֶער: וואוּ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נִישְׁטָא?! אוּן אוֹיב עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט שִׁיקְט עֶר אִים אַ רְפוּאָה, אָדֶער אַז עֶר אִיז פַארְיָאגְט אִין פַּרְנָסָה, גֶעט עֶר אִים פַּרְנָסָה. זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען אַ אִיד דַאוְונְט מִיט מִנְיָן, וֶוערְט נִמְשָׁךְ אוֹיף אִים דִי הַשְׁגָחָה, אוּן מֶען גִיבְט אִים וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן.

חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): אוֹיב אַ אִיד אִיז זוֹכֶה, אוּן עֶר זָאגְט 'אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיה רַבָּא', דֶעמָאלְטְס אֲפִילוּ אַז עֶס אִיז - רַחֲמָנָא לִצְלָן - נִגְזָר גֶעוָוארְן אוֹיף אִים, אַ

גְזֵירָה פוּן זִיבֶּעצִיג יָאר, קֶען עֶר דָאס צוּרַייסְן. דֶער מֶדְרָשׁ בְּרֶענְגְט (מְנוֹרַת הַמָּאוֹר נֵר א׳ כְּלָל א׳ ח״ב, בְּשֵׁם מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת נֹחַ, וְעַיֵּין מס׳ כַּלָּה רַבָּתִי פֶּרֶק ב׳): אַ מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת ווִי אַ נִפְטָר הָאט גֶעבֶּעטְן אַ טוֹבָה פוּן רֶבִּי עַקִיבָא, אוּן רֶבִּי עַקִיבָא אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן צוּ עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ זוּן וְכוּ׳, בִּיז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם קִינְד אוּן עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי אַלֶף בֵּית, בִּיז עֶר הָאט אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ זָאגְן קַדִּישׁ אוּן בָּרְכוּ, דֶעמָאלְטְס אִיז דֶער נִפְטָר גֶעקוּמֶען, אוּן אִים גֶעזָאגְט; הָאסְט מִיר גֶעטוּעֶן אַ מוֹרָא׳דִיגֶע טוֹבָה מִיט דֶעם אַז דֶער קִינְד הָאט גֶעזָאגְט קַדִּישׁ אוּן בָּרְכוּ. דָאס זֶעלְבֶּע אַז מֶען זָאגְט קְדוּשָּׁה וֶוערְט מוֹרָא׳דִיגֶע תִּיקוּנִים. חַזַ״ל זָאגְן (חוּלִין צא:): אַ מַלְאָךְ זָאגְט נָאר אֵיין מָאל קְדוּשָּׁה אוּן וֶוערְט פַארְבְּרֶענְט. אוּן מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ קֶענֶען זָאגְן, אַזוֹיפִיל מָאל קְדוּשָּׁה, אוּן אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא. [אוּן עֶס זֶענֶען דָא אִידְן וָואס זֶעצְן זִיךְ אַרַיין אִין אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ וָואס עֶס זֶענֶען פַארְהַאן אַסַאךְ מִנְיָנִים אֵיינְס נָאכְן אַנְדֶערֶען כְּדֵי צוּ מַשְׁלִים זַיין דִי אָמֵן וְכוּ׳ וָואס זֵיי הָאבְן פַארְפֶעלְט בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן צוּלִיב פַארְשִׁידֶענֶע סִיבּוֹת.]

## ב.

דָאס אִיז וָואס דֶער תּוֹרָה זָאגְט: 'וַיָּגָר מוֹאָב', מוֹאָב הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי אִידְן. מוֹאָב גֵייט אַרוֹיף אוֹיף נִיאוּף, וַוייל עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן פוּן נִיאוּף, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי מוֹרָא אַז דִי קְדוּשָּׁה פוּן אִידְן וֶועט זֵיי אִינְגַאנְצְן מְבַטֵל זַיין. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו): אַז פוּן כְּפִירוֹת, קוּמְט אַרוֹיס נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן. אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן י"א): גֵיאוּת אוּן נִיאוּף אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין אַנְדֶערְן, אוּן גֵיאוּת אִיז דָאךְ עֲבוֹדָה זָרָה אוּן כְּפִירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: (סוֹטָה ה.): 'אֵין אֲנִי וְהוּא יְכוֹלִים לָדוּר', אוֹיךְ זָאגְן מִיר יֶעדְן טָאג (בַּמִדְבָּר טו ל"ט): 'וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם', דַרְשֶׁנֶ'ען אוֹיף דֶעם חַזַ"ל (בְּרָכוֹת י"ב:): "אַחֲרֵי לְבַבְכֶם", זוּ מִינוּת. "וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם", זוּ נִיאוּף. וַוייל דָאס אִיז תָּלוּי אֵיינְס אִין דֶעם אַנְדֶערְן. אוּן מִיר גֶעפוּנֶען אַז וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט דִי תַּלְמִידִים, אוּן עֶס זֶענֶען אַקֶעגְן גֶעקוּמֶען שֵׁיינֶע פְרוֹיעֶן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר

די תַּלְמִידִים: 'אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים וֵאלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשׂוּ לָךְ', גיבט אַכטונג! מַאכט זיי נישט פאַר עֲבוֹדָה זָרָה. איז דער הייליגער רבי מַסְבִּיר (שָׁם) דעם קֶשֶׁר, ווייל אַז מען קוקט אויף די קְלִיפּוֹת, און מען מאכט פון דעם אַ מְצִיאוּת, מאכט מען דאס רַחֲמָנָא לִצְלָן פאַר אַ עֲבוֹדָה זָרָה. אויך געוועגטליך ווען אַ מענטש קוקט שמוץ רַחֲמָנָא לִצְלָן, באַהאַלט ער זיך אין אַ מָקוֹם מְטוּנָף, [וואס דאס איז אויך געווען די עֲבוֹדָה זָרָה פון פְּעוֹר] וואו קיינער זעהט נישט, קומט אויס אַז ער באַהאַלט זיך אויס פון באַשעפער, וואס דאס איז כְּפִירוֹת. זעהט מען פון די אַלע פלעצער אַז נִיאוּף מיט עֲבוֹדָה זָרָה און כְּפִירוֹת איז איין זאך.

זאגט אָבער דער הייליגער רבי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): אַ מענטש האט דריי מוֹחִין, וואס האלט אים אָפּ פון תַּאֲווֹת נִיאוּף, און די דריי מוֹחִין ווערט נִמְשָׁךְ דורך די דריי תְּפִילּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב. און יעצט אַז מוֹאָב האט געזעהן, אַז משֶׁה רַבֵּינוּ האט אויסגעריסן עוֹג וואס שטערט פון דאַווענען די דריי תְּפִילּוֹת, און אידן וועלן אָנפאַנגען דאַווענען, האבן זיי

זיך דערשראָקן וואָס טוט מען?! האָבן זיי געפרעגט; פון וואו קומט משה רבינו? האָט מען זיי געענטפערט פון מדין. האָבן זיי געמאַכט שלום מיט מדין, כאָטש ביז יעצט האָבן זיי זיך געקריגט, [ווייל 'מואָ"ב' איז די מדה פון ליבשאַפט און שלום פון די טומאָה, וואס דאָס איז ניאוף. און 'מדי"ן' איז לשון 'מדני"ם' קריגערייִ, און זיי האָבן זיך שטענדיג אַרום געקריגט.] אָבער יעצט האָבן זיי זיך מיישב געווען, אַז מען וועט זיך צאַם נעמען, צו זעהן וואָס מען טוט מיט די אידן אַז זיי דאַווענען די דריי תפלות, און זענען מקפיד אויף יעדן אָמן, און אָמן יהא שמיה רבא, וואס דורכדעם איז דער באַשעפער זיי מוחל אויף אַלע עוונות, און דאָס איז אונז זייער ביטער. האָבן זיי זיך נאָכגעפרעגט וואס איז דער כח פון זייער מנהיג, האָבן זיי געזעהן אַז דער כח פון משה רבינו איז נאָר דער מויל.

ג.

און דאָס איז דער גאַנצער כח פון אַ איד, נאָר תפילה. אַזוי ווי יצחק אָבינו האָט געזאָגט ביים

אָנְוואוּנְטְשְׁן יַעֲקֹב (בְּרֵאשִׁית כז כ״ב): **׳הַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב׳.** דָאס קוֹל גֶעהֶערְט פַאר אַ אִיד, אוּן דָאס אִיז זַיין נִצָּחוֹן קֶעגְן עֵשָׂיו, וָואס בַּיי אִים שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כז, מ): **׳עַל חַרְבְּךָ תִחְיֶה׳,** אַזוֹי ווִי חַזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סה, כ): **׳בִּזְמַן שֶׁהַקּוֹל קוֹל יַעֲקֹב אֵין יְדֵי עֵשָׂיו שׁוֹלֵט׳** כָּל זְמַן עֶס וֶוערְט גֶעהֶערְט דָאס קוֹל פוּן אַ אִיד, קֶען דִי הֶענְט פוּן עֵשָׂיו נִישְׁט שׁוֹלֵט זַיין חָלִילָה וְחַס, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁטָא דֶער קוֹל יַעֲקֹב, דֶעמָאלְטְס אִיז יְדֵי עֵשָׂיו שׁוֹלֵט. וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג נָאר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אַזוֹי צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז מֶען קֶען שׁוֹין אָן דֶעם נִישְׁט אָן גֵיין.

עֶס שְׁטֵייט (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, פֶּרֶק י״ג): **׳כָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת הֵם הַמְלַוִּין אוֹתוֹ עַד שֶׁבָּא לְבֵית עוֹלָמוֹ׳,** אַז אַ אִיד גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בַּאגְלֵייט אִים דָאס בִּיז דִי לֶעצְטֶע מִינוּט וָואס עֶר גֵייט אַרוֹיס פוּן דִי וֶועלְט. אוּן אַזוֹי גֵייט עֶר אוֹיס, בִּשְׁעַת עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אוּן דָאס הִיט אִים אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְט.

ווייל יעדער מענטש האט אין לעבן מוראדיגע איבערגייעכץ און צרות. נאר דורעך די עצה וואס דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט פון תפלה! אז א מענטש זאל רעדן צום באשעפער דאס ראטעוועט אים פון אלעם, און דאס רייניגט אים אויס דער מח.

קומט אויס אז דער כח פון א איד איז נאר דער מויל, דערפאר איז בלק געגאנגען ברענגען בלעם, וואס האט אויכעט א כח מיטן מויל. נאר משה רבינו האט געהאט דעם כח בקדושה, און בלעם האט דאס גענוצט בטומאה זה לעומת זה, אבער עס האט אים גארנישט געהאלפן, ווייל דער אייבערשטער האט אזוי געפירט, אז נישט נאר ער האט נישט געקענט שעלטן, נאר ער האט נאך געמוזט איבערדרייען אלע קללות, וואס ער האט באמת געוואלט שעלטן, צו ברכות, אזוי ווייט אז ער האט געמוזט מגלה זיין אז עס וועט זיין די גאולה, און סוף כל סוף וועלן די אידן אויסגעלייזט ווערן.

וועגן דעם זעהט מען, אז דער אייזל האט אים אפגעהאלטן דריי מאל פון צו גיין וועגן דער מלאך

הָאט אִים גֶעשְׁטֶערְט וְכוּ׳. נָאכְדֶעם הָאט אִים דֶער מַלְאָךְ גֶעפְרֶעגְט (בַּמִדְבָּר כב ל״ב): **עַל מָה הִכִּיתָ אֶת אֲתוֹנְךָ זֶה ׳שָׁלֹשׁ רְגָלִים׳?** פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעשְׁלָאגְן דֶעם אֵייזְל דְרֵיי מָאל. זָאגְט רַשִׁ״י אַז עֶר הָאט אִים מְרַמֵז גֶעוֶוען אַז עֶר ווִיל אוֹיסְרַייסְן אַ פָאלְק וָואס הַאלְטְן דְרֵיי רְגָלִים [יָמִים טוֹבִים] אִין אַ יָאר. וָואס דָאס אִיז פֶּסַח שְׁבוּעוֹת סוּכּוֹת. וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ דִי מַחְנֶה יִשְׂרָאֵל!

פֶּסַח אִיז גֶעוֶוען יְצִיאַת מִצְרַיִם, וָואס דָאס הָאט אוּנְז גֶעמַאכְט פַאר אַ פָאלְק, וַוייל דֶער תַּכְלִית פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם, אִיז גֶעוֶוען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּם שְׁבוּעוֹת. סוּכּוֹת אִיז אַ זֵכֶר, צוּ דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז בַּאשִׁיצְט מִיט דֶעם פֶערְצִיג יָאר אִין מִדְבָּר. קוּמְט אוֹיס אַז דִי אַלֶע דְרֵיי רְגָלִים, אִיז אַלְץ אַ זֵכֶר פוּנֶעם אַרוֹיס גֵיין פוּן מִצְרַיִם בִּיזְן גֵיין מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה. וָואס בֶּאֱמֶת וַוייזְט דָאס שׁוֹין אוֹיךְ אוֹיף דִי לֶעצְטֶע גְאוּלָה, וָואס מִיר וֶועלְן דֶעמָאלְטְס מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה מִיט אַ נֵייעֶ הִתְחַדְשׁוּת, אוּן עֶס וֶועט נָאכְאַמָאל זַיין צוּרִיק דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד, דָאס הֵייסְט אַז

אידן וועלן זיין אַרום גענומען מיט די שכינה, און מען וועט שפירן די שכינה, אין מען וועט האבן אַ שטאַרקע אמונה, ממילא וועט שוין זיין דער באר און דער מן אויכעט.

ד.

און די אַלע זאכן קען מען נאך יעצט אויכעט ממשיך זיין אויף זיך, אפילו מען איז נאכנישט אויסגעלייזט, אַזוי ווי דער בעל שם טוב הקדוש זי״ע האט געזאגט: (תולדות יעקב יוסף, שמיני תקס״ב): אַזוי ווי עס איז דא אַ גאולה בכללות, איז דא אַ גאולה בפרטיות. און צו דער גאולה בפרטיות קען שוין יעדער איד, אויך יעצט זוכה זיין.

ווייל וואס הייסט אַ גלות? אַז דער מח איז מצומצם, מבוהל ומבולבל, און דער מענטש טראַכט ביי זיך, איך בין גאַרנישט ווערד, און דער אייבערשטער דאַרף מיר חלילה נישט, ווייל איך האב געזינדיגט וכו׳. אַבער אַז אַ איד איז שטאַרק אין די אמונה, ווערט ער אַרום גענומען און באַשיצט פון

בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר וֶוערְט נִיצוֹל פוּן אַלֶע צָרוֹת אוּן פוּן אַלֶע רְשָׁעִים. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן נ"ה): אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ דֶעם זְכוּת פוּן דִי אָבוֹת וֶוערְט מֶען בַּאשִׁיצְט פוּן דִי רְשָׁעִים. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה נא, ט"ז): **וּבְצֵל יָדִי כִּסִּיתִךָ**, מִיט דִי שָׁאטְן פוּן מַיינֶע הֶענְט הָאבּ אִיךְ דִיר בַּאדֶעקְט. אוּן דָאס אִיז וָואס דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (שְׁלַח קעד.): **'אֲתַר דְאִית תַּמָן אָבוֹת, אִית תַּמָן שְׁכִינְתָּא'**, דָארְטְן וואוּ דִי אָבוֹת זֶענֶען, אִיז דָארְט דִי שְׁכִינָה. אוּן דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי דְרֵיי תְּפִלוֹת, אוּן אַז אַ אִיד אִיז נִזְהָר צוּ דַאוָוענֶען יֶעדְן טָאג, שַׁחְרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, וָואס דָאס אִיז קֶעגְן דִי דְרֵיי אָבוֹת אַבְרָהָם יִצְחָק יַעֲקֹב, דוּרְךְ דֶעם צִיהְט עֶר אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ דִי שְׁכִינָה.

וָואס אִיז דִי שְׁכִינָה? אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אוּן עֶר נֶעמְט אִים אַרוּם, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תַּעֲנוּג, דָאס אִיז וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט: (וַיִקְרָא כו י"ב): **'וְהִתְהַלַכְתִּי בְּתוֹכְכֶם'** אוּן רַשִׁ"י זָאגְט אוֹיף דֶעם (תּוֹרַת כֹּהֲנִים פֶּרֶק ג, ג): **'עָתִיד אֲנִי לְטַייל**

עִמָּכֶם בְּגַן עֵדֶן׳ דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט מִיט אוּנְז שְׁפַּאצִירְן אִין גַן עֵדֶן, דָאס הֵייסְט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיס אוֹיף ׳הִתְבּוֹדְדוּת׳ אִין פֶעלְד, אוֹיף אַ רוּאִיגֶע שְׁטִילֶע פְּלַאץ, וואוּ קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ עֶר אִיז, אוּן עֶר רֶעדְט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, שְׁפַּאצִירְט עֶר מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער. בִּיז עֶר שְׁפִּירְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט, נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָה, אוּן דָאס אִיז זַיין גְאוּלָה. אָבֶער אַז מֶען אִיז חָלִילָה וְחַס פּוֹגֵם מִיט ׳פְּגַם הַבְּרִית׳ אִיז דָאס מְבַלְבֵּל דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דַאוֶוענֶען.

ה.

מֶען פַארְצֵיילְט נָאךְ אַז דֶער ׳אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל׳ פוּן וִויזְנִיץ זי״ע אִיז אַמָאל גֶעוֶוען מִיט זַיין גַבַּאי אִין אַ דָארְף, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מִנְיָן צוּ מִנְחָה, אוּן דֶער אַהֲבַת יִשְׂרָאֵל מִיטְן גַבַּאי׳ן הָאבְּן מַשְׁלִים גֶעוֶוען צוּם מִנְיָן, בַּיים סוֹף זֶעהְט עֶר, וִוי אַלֶע זָאגְן קַדִישׁ פְרֶעגְט עֶר זֵיי: וָואס אִיז דָאס? זָאגְן זֵיי: דָא אִיז גֶעוֶוענְטְלִיךְ נִישְׁטָא קַיין מִנְיָן, נָאר לֶעצְטֶענְס אִיז דָא אַסַאךְ אַבֵילִים נָאךְ זֵייעֶר עֶלְטֶערְן, קוּמֶען זֵיי אִין שׁוּל

זאָגן קַדִּישׁ, און פְּרוּבִירְן עֶס זאָל זַיין מִנְיָן. זאָגְט עֶר: יֶעצְט פאַרְשְׁטֵיי אִיךְ, וואָס חַזַ״ל זאָגְן: (בְּרָכוֹת ח.): רַבִּי יוֹחָנָן האָט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט 'אִיכָּא סָבָא בְּבָבֶל'? עֶס אִיז דאָ אַלְטֶע אִידְן אִין בָּבֶל. מְמֵילָא אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל האָט מֶען אֲרִיכוּת יָמִים, וַוייל דֶער פָּסוּק זאָגְט: (דְּבָרִים יא כ״א): לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וְכוּ' עַל הָאֲדָמָה. אָבֶּער ווִי אַזוֹי לֶעבְּט מֶען לאַנְג אִין בָּבֶל? זאָגְט דִי גְּמָרָא: וַוייל זֵיי קוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּפְרִי און בַּיינאַכְט. האָט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט: 'אָבֶּער דאָ קוּמְט מֶען נִישְׁט דאַוֶּועןֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ האָט מֶען נִישְׁט קֵיין אֲרִיכוּת יָמִים, מוּזְן דִי קִינְדֶער קוּמֶען זאָגְן קַדִּישׁ אַז עֶס זאָל כָאטְשׁ זַיין מִנְיָן.

דֶער מֶדְרָשׁ זאָגְט (יַלְקוּט בָּלָק, רֶמֶז תשע״א): 'מַה נְחָלִים הַלָּלוּ בְּנֵי אָדָם יוֹרְדִין לְתוֹכָן כְּשֶׁהֵן טְמֵאִין, וְטוֹבְלִין וְעוֹלִין טְהוֹרִין, כַּךְ בָּתֵּי כְּנֵסִיּוֹת וּבָתֵּי מִדְרָשׁוֹת, בְּנֵי אָדָם נִכְנָסִין לְתוֹכָן כְּשֶׁהֵם מְלֵאִים עֲוֹונוֹת, וְיוֹצְאִין מְלֵאִים מִצְוֹות'. אַז אֵיינֶער אִיז טָמֵא און גֵייט אַרַיין אִין טַייךְ, קוּמְט עֶר אַרוֹיס טָהוֹר, וְוִיבַּאלְד עֶר האָט זִיךְ גֶע'טוֹבֶל'ט, דאָס זֶעלְבֶּע אַ בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אַ מֶענְטְשׁ

גֵייט אַרַיין פִּיל מִיט עֲבֵירוֹת, אוּן גֵייט אַרוֹיס פִּיל מִיט מִצְווֹת. נָאר מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי מְזַלְזֵל אִין דֶעם, וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם חֲשִׁיבוּת פוּן אַ אָמֵן, אָדֶער אָמֵן יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא, קְדוּשָׁה, בָּרְכוּ, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז דִי נְקוּדוֹת, וָואס עֶר מֵיינְט אַז דָאס אִיז גָארְנִישְׁט אִיז אִין הִימְל מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב, וָואלְט עֶר נִישְׁט מְזַלְזֵל גֶעוֶוען אִין דֶעם.

עֶס שְׁטֵייט (זוֹהַר הַקָדוֹשׁ, וַיֵצֵא קס״א ע״א, עֵקֶב רע״א ע״א, וַיֵלֶךְ רפ״ה ע״א): דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אָמֵן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט אַ בְּרָכָה זָאל אֵיינֶער עֶנְטְפֶערְן אָמֵן, וַוייל דָאס אִיז דֶער חוֹתָם אוֹיף דִי בְּרָכָה. נָאר דֶער זִילְזוּל קוּמְט וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ נֶעבֶּעךְ פַאר גָארְנִישְׁט! וָואס כָאטְשׁ צוּ זַיין בֶּאֱמֶת גָארְנִישְׁט, אִיז אַ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, אָבֶער דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם דְרֵייט אִיבֶּער יֶעדֶער גוּטֶע מִדָה אוּן צוּבְּרֶעכְט דֶערְמִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן אִים זָאגְן, לָאמִיר זָאגְן עֶס אִיז אֱמֶת אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין אַ זִירָ״א, אָבֶער דֶער צַדִיק לֵייגְט צוּ אַ אֵיינְזֶער וֶוערְט דָאס צֶען, יֶעצְט קוּמְט שׁוֹין אוֹיס פוּנְקְט

פאַרקערט, וויפיל מער גאַרנישט איך בין, און איך האב מער זיראַ״ס, און דער צדיק לייגט צו אַ איינזער בין איך אַ גרעסערע מליונער. און וואס איז דער איינס וואס דער צדיק לייגט צו? דער אחד, אחדות הבורא יתברך שמו, דער אלופו של עולם.

דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א׳ סימן לד): יעדער איד האט אַ נקודה וואס דער צווייטער האט נישט. און דער צדיק הייבט אויף דעם מענטש מיט זיין נקודה, און ער ווייזט אים וואס ער פאַרמאגט, דאס ער גייט מיט ציצית, מיט אַ באָרד און פיאות, ער האט אַ מזוזה, תפילין, שבת, כשרות, ממילא דאַרף מען נישט קוקען אויף יענעם, און מקנא זיין אַ צווייטן, וואס דו קענסט אים סיי ווי נישט נאָכמאַכן, און דו דאַרפסט אים נישט נאָכמאַכן, ווייל דו ביזט גרעסער פון אים. אַזוי ווי די גמרא פאַרציילט (תענית כא:): אַבּא אומנא איז געווען אַ דאָקטער, און איז געווען גרעסער פון אַבּיי און רבא, און ער האט יעדן טאג געהערט אַ כרוז פון הימל, וואס גריסט אים שלום, האָבן זיי ביידע געהאט חלישות הדעת, אַבּיי

ווייל ער האָט נאָר געהערט יעדן ערב שבת, רבא ווייל ער האָט נאָר געהערט, ערב יום כיפור. האָט מען געזאָגט פאַר אַביי: ׳לא מצית למעבד כעובדא דאבא אומנא׳, דו קענסט נישט טוהן וואָס אַבא אומנא טוהט. קומט אויס אַ מענטש דאַרף נאָר וויסן, וואָס זיין נקודה איז, אַז ער האָט פאַרמעגנס אונטער זיך.

דער זוהר הקדוש זאָגט (המקובלים בשם הזהר, ועיין בתיקוני זוהר תקון יח, ל״ג ע״א. והקדמת עץ חיים, ועשה טוב אות ד׳): אַז די וואָרט צדיק איז מרמז, צ׳ אמנים, ד׳ קדושות, י׳ קדישים, ק׳ ברכות. און דאָס איז וואָס עס שטייט אין זוהר הקדוש (פרשת לך לך, צג ע״א) אַז יעדער איד איז אַ צדיק. מיט וואָס איז ער אַ צדיק? אַז ער זאָגט ניינציג אמן׳ס אַ טאָג, און הונדערט ברכות, פיר קדושות, צען קדיש׳ס, דאָס איז די נקודת הצדיק וואָס איז דאָ אין יעדן איד. נאָר דער סמ״ך מ״ם צוברעכט דעם מענטש אַזוי שטאַרק, אַז ער איז זיך מייאש, און קומט נישט אַריין אין בית המדרש דאַוונען.

דאָס זעלבע אויך מיט לימוד התורה צוברעכט ער אים, וואָס וועט שוין זיין אַז דו וועסט לערנען אַפאָר

פְּסוּקִים חוּמָשׁ?! אוּן דוּ וֶועסְט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעפַּסְקֶ'נְט (שֻׁלְחָן עָרוּךְ סִימָן רפ״ה סְעִיף ג): 'מִיּוֹם רִאשׁוֹן וְאֵילֵךְ נִקְרָא עִם הַצִּיבּוּר'. אוּן וָואס וֶועט שׁוֹין זַיין, אַז דוּ וֶועסְט זָאגְן אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת?! אוּן אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט, אַז דִי מִשְׁנַיוֹת וֶועט אִים רַאטֶעוֶועֶן, דָאס זֶעלְבֶּע אַבִּיסְל גְמָרָא, אוּן נָאךְ אַבִּיסֶעלֶע, בִּיז מֶען קוּמְט אָן בַּיים סוֹף, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אֵיין הֲלָכָה, אוּן נָאךְ הֲלָכָה, דָאס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן דֶעם צַדִּיק, אַז אֲפִילוּ אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט, לֵייגְט עֶר מִיר אַרַיין אֵיין אֵיינְס, וָואס דָאס אִיז דֶער אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מְמֵילָא בִּין אִיךְ שׁוֹין אַ בִּילְיָאנֶער.

ו.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גַאנְצֶער כֹּחַ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס חַזַ״ל זָאגְן (קֹהֶלֶת רַבָּה, פַּרְשָׁה ד, סִימָן יד): אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת ב, ב'): 'וַתֵּרֶא אוֹתוֹ כִּי טוֹב' עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן נָאר מִיט גוּט. דָאס הֵייסְט וואוּ עֶר הָאט גֶעקוּקְט הָאט עֶר נָאר גֶעטְרָאפְן דֶעם 'גוּטְס' בַּיי יֶעדְן אִיד; זֶה לְעוּמַת זֶה אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בִּלְעָם וָואס הָאט

רַחֲמָנָא לִצְלָן – גֶעשָׁאלְטְן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן נָאר גֶעזוּכְט צוּ צוּבְּרֶעכְן אַ צְוֵוייטְן, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער חוּרְבָּן פַאר אַ מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת קְלָלָה חֵלֶק ב, סִימָן א׳): **׳אָדָם הָרָגִיל בִּקְלָלוֹת, הוּא מֵעוֹלָם הַתֹּהוּ׳** אֵיינֶער וָואס אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ שֶׁעלְטְן, קוּמְט פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ, **׳וְכֵן לְהֶפֶךְ הָרָגִיל בִּבְרָכָה הוּא מֵעוֹלָם הַתִּקּוּן׳**, פַארְקֶערְט אוֹיבּ אֵיינֶער וָואס אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ בֶּענְטְשְׁן קוּמְט פוּן עוֹלָם הַתִּיקוּן. וָואס הֵייסְט תּוֹהוּ? פּוּסְט אוּן לֵיידִיג. (עַיֵּין רַשִׁ״י בְּרֵאשִׁית א ב): וָואס הֵייסְט שֶׁעלְטְן? אַז דוּ בִּיזְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד, וֶועגְן דֶעם קוּמְט עֶר פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען בִּלְעָם, עֶר הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן, אַז מֶען אִיז גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט. אוּן משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט נָאר גֶעבֶּענְטְשְׁט אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן יֶעדְן אִיד, וָואס דָאס לֶערֶענְט אוּנְז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, אוּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִין דֶער וֶועלְט.

מֶען פַּארְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער זַצַ"ל וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם דֶרֶךְ הַמוּסָר, וָואס דָאס אִיז תִּיקוּן הַמִידוֹת, אִין דֶער וֶועלְט. וָואס הָאט אִים גֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ? נָאר עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט אַסַאךְ שׁוּסְטֶערְס, וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען אָרִימֶעלַייט. אוּן אוּנְז וֵוייס מִיר דָאךְ דֶעם כְּלַל: **כָּל אוּמָן שׂוֹנֵא בְּנֵי אוּמְנָתוֹ** (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא, בְּרֵאשִׁית סִימָן ח׳) וַיְהִי הַיוֹם, אוּן אֵיינֶער פוּן דִי שׁוּסְטֶערְס, הָאט גֶעקוֹיפְט דֶעם לַאטֶערִ"י, אוּן עֶר הָאט דָאס גֶעוואוּנֶען, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ רִיזִיגֶען פַּארְמֶעגְן, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ וִוייבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר, הָאט עֶר שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַ אַנְדֶער פָּנִים אוּן אַ אַנְדֶער מַזָל, אוּן אַלֶע הָאבְּן פַּארְגֶעסְן אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ שׁוּסְטֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ טָאכְטֶער, הָאט עֶר זִיךְ מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען, מִיט אַ גְרוֹיסְן מְפוּרְסָם׳דִיגְן רָב, אִיז אָבֶער גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי שׁוּסְטֶערְס, וָואס הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן, אוּן דִי קִנְאָה הָאט אִים זֵייעֶר גֶעבְּרֶענְט, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי חוּפָּה, אוּן אוּנְטֶער דִי חוּפָּה רוּפְט עֶר זִיךְ אָן אַנְטְקֶעגְן יֶעדְן: ר׳

משֶׁה! דָא הָאסְטוּ אַפָּאר שִׁיךְ, פַארְרֶעכְט מִיר דִי שִׁיךְ! דֶער מְחוּתָּן, דֶער גְבִיר, הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן דֶעם בִּזָיוֹן, אוּן עֶר הָאט גֶעכַאפְּט אַ הַארְץ אַטַאק אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן. הָאט רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער גֶעזָאגְט: דָא טוֹיג נִישְׁט צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס, אַז מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ בִּזָיוֹן, דַארְף מֶען דָאס נִישְׁט נֶעמֶען אַזוֹי שְׁטַארְק צוּם הַארְץ, בִּיז אַ הַארְץ אַטַאק, [פַארְקֶערְט אַז מֶען אִיז מְבַזֶה אַ מֶענְטְשׁ, אִיז דָאס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ, עֶר קוּמְט אָפּ מִיט דֶעם אַלֶע עֲבֵירוֹת, (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ו): וַוייל אֵיין בִּזָיוֹן אִיז מֶער פוּן טוֹיזֶענְט תַּעֲנִיתִים.] אוּן צְוֵוייטְנְס, ווִי קוּמְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ אַזַא שְׁלֶעכְטֶע מִדָה פוּן קִנְאָה, אַז עֶס זָאל אִים בְּרֶענְגֶען צוּ גֵיין מְבַזֶה זַיין יֶענֶעם בָּרַבִּים אַזוֹי שְׁטַארְק, דֶעמָאלְט הָאט עֶר מַחְלִיט גֶעוֶוען, מֶען זָאל זִיךְ נֶעמֶען לֶערְנֶען מוּסָר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען דֶעם לִימוּד פוּן רֶבִּי׳ן, וָואס אַזוֹי אַרוּם וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן. אוּן עֶס זָאל שׁוֹין אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן דִי טֶעג פוּן בֵּין הַמְצָרִים לִימֵי

שִׂמְחָה, און מֶען זָאל שׁוין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה.

**~תַּם וְנִשְׁלַם, שֶׁבַח לְאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

# אַ שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תְּפִלָּה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארְף בַּאצָאלְן דִירָה גֶעלְט, אִיךְ דַארְף קוֹיפְן עֶסְן, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מִיט וָואס מְפַרְנֵס זַיין מַיין וַוייבּ; הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת אוּן גֶעבּ מִיר פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אָנְקוּמֶען צוּ קַיין מֶענְטְשְׁן

(אשר בנחל חלק א' מכתב ו)

בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# אַ גוּטֶער מָאלֶער

וָואס דָאס אִיז אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר, גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִּיק מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלִיטָ"א

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

## פַּרְשַׁת פִּנְחָס תשע"ב

גֶעבּוֹיעֶט אוּן בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָּארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ, אַ וואוּנדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

וִויסְן דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶס זָאל נִישְׁט אִיבֶּערְגֵיין יֶעדְן טָאג עֶפֶּעס אַ אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ וְכוּ׳ וְכוּ׳, אָבֶּער לֵיידֶער רוֹב מֶענְטְשְׁן הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, אַנְשְׁטָאט צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר טוּט מִיט זֵיי וְכוּ׳, זֵיי זֶענֶען גֶעזוּנְט, אוּן דִי וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, דָאס אִיז מֶער וֶוערְד וִוי אַלְסְדִינְג, אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל וֵויינְט שְׁטֶענְדִיג וְכוּ׳, עֶס פֶעלְט אִים דָאס וְכוּ׳, עֶס פֶּעלְט אִים יֶענְץ וְכוּ׳, עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט וָואס עֶר הָאט וְכוּ׳, אֱמֶת עֶס קֶען זַיין עֶר הָאט דַחְקוּת אִין פַּרְנָסָה וְכוּ׳, עֶר אִיז פַארְוִויקֶלְט מִיט חוֹבוֹת וְכוּ׳, אָבֶּער דַאנְקֶען גָאט בָּרוּךְ הוּא אַז עֶר אִיז גֶעזוּנְט אוּן זַיין וַוייבּ אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, דָאס אִיז מֶער וֶוערְד וִוי אַלְסְדִינְג, וָוארוּם לֵיידֶער אִיז הַיינְט דָא אַזוֹי פִּיל מַחֲלוֹת וְחַלָאִים רָעִים וְכוּ׳, עֶס גֵייט אַרוּם בִּיטֶערֶע קְרֶענְק וְכוּ׳, יוּנְגֶע אוּן אַלְטֶע מִיטְשֶׁען זִיךְ מִיט גֶעזוּנְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן זֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶערְן גֶעטוֹישְׁט מִיט עֲנִיּוֹת וְדַחְקוּת אַבִּי זַיין גֶעזוּנְט, אוּן צוּם סוֹף דִי וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזוּנְט זֵיי וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן אוֹיף זֵייעֶר בִּיטֶערְן מַצָּב וְכוּ׳, אִיז דָאס נִישְׁט קַיין נַארִישְׁקֵייט? וָוארוּם דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ דָאס גֶעזוּנְט, אוּן בִּכְלַל דַארְף אַ מֶענְטְשׁ צוּגֶעוואוֹינֶען זִיךְ דַאנְקֶען שְׁטֶענְדִיג דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוֹיף דִי חֲסָדִים וְרַחֲמִים גְמוּרִים וָואס עֶר הָאט מִיט אִים גֶעטוּהְן.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג׳ מִכְתַּב שכ״ד)

# אַ גוּטֶער מָאלֶער

### א.

דֶער הֵיילִיגֶער רַמְבַּ״ם הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט דְרַייצְן עִיקָרִים פוּן אֱמוּנָה, אֵיינְס פוּן דֶעם אִיז ׳אַז בַּיי דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ קַיין שׁוּם גֶעשְׁטַאלְט אָדֶער אוֹיסְזֶעהְן׳, אַזוֹי וִוי מִיר זָאגְן: אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ אֵינוֹ גוּף, וְלֹא יַשִּׂיגוּהוּ מַשִּׂיגֵי הַגּוּף וְאֵין לוֹ שׁוּם דִמְיוֹן כְּלַל: דָאס הֵייסְט אַז בַּיי רוּחְנִיוּת אֱלֹקוּת אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ אָפְּצוּמָאלְן, אָדֶער פָארְצוּשְׁטֶעלְן אַז כַּבְיָכוֹל דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִין כַּעַס אוּן דָאס גְלַייכְן, וַוייל דָארְטְן אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם צִימְצוּם נָאר אַלֶעס אִיז רַחֲמָנוּת, אוֹיבּ אַזוֹי דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶער עִנְיָן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (בַּמִדְבָּר כה, י״א): **פִּנְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי**, פִּנְחָס הָאט צוּרִיקְגֶעקֶערְט מַיין כַּעַס אוּן מַיין צָארְן. בַּיים בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאךְ נִישְׁט פַארְהַאנֶען דִי אַלֶע זַאכְן?!

נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ל״ו): דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע כְּלַל אַז פוּן אוֹיבְן קוּמְט אַרָאפּ נָאר אַ אוֹר פָּשׁוּט, פָּשׁוּטֶע לֶעכְט, וָואס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעמָאלֶענְט גוּט אָדֶער שְׁלֶעכְט, נָאר דֶער מֶענְטְשׁ אִיז דֶער מָאלֶער, אִיז עֶר זוֹכֶה, עֶר אִיז הֵיילִיג אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן - אוּן עֶר הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ אוּן גֶעדַאנְק, מָאלְט עֶר שְׁטֶענְדִיג אוֹיס דֶעם אוֹר פוּן בַּאשֶׁעפֶער צוּם גוּטְן, אָבֶּער אוֹיבּ - חָלִילָה וְחַס - עֶר הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית, אִיז שׁוֹין דֶער מֹחַ אוּן גֶעדַאנְק אוֹיכֶעט קַאלְיֶע גֶעוָוארְן, מְמֵילָא זֶעהְט עֶר שׁוֹין אַלֶעס שְׁוַוארְץ אוּן בִּיטֶער, אוּן אַז עֶר וֶועט שׁוֹין פוּן דִי צָרוֹת נִישְׁט

אַרוֹיסְגֵיין, אוּן יֶעדֶע צָרָה קוּקְט עֶר אָן ווִי ׳אַ גְרוֹיסֶע צָרָה׳ וְכוּ׳, אָבֶּער דָאס אִיז תָּלוּי אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין.

דָאס אִיז וָואס דָאס דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה יד ד. קֹהֶלֶת רַבָּה פַּרְשָׁה ב׳ פָּסוּק יא): אוֹיף דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית ב, ז): **וַיִיצֶר הֲוָיָה אֱלֹקִים אֶת הָאָדָם**: פַאר'וָואס שְׁטֵייט וַיִיצֶר מִיט צְוֵויי יוּדִין, נָאר עֶס אִיז דָא צְוֵויי יֵצֶר׳ס דִי יֵצֶר טוֹב וָואס דָאס אִיז דִי גוּטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן יֵצֶר הָרַע וָואס דָאס אִיז שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוֹיךְ אִיז דָאס לָשׁוֹן צַיֵר מָאלֶען, (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן מ״ט): דָאס הֵייסְט עֶס אִיז פַארְהַאנֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער מָאלְט אוֹיס אַ שֵׁיינֶעם בִּילְד, אוּן אֵיינֶער מָאלְט אוֹיס אַ בִּיטֶערְן בִּילְד. וֶועגְן דֶעם קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען אַ מָאלֶער וָואסֶערֶע פֶּערְזֶענְלִיכְקֵייט עֶר אִיז, מַאכְט עֶר אַ בִּילְד ווִי דִי זוּן שַׁיינְט, אָדֶער דִי לְבָנָה לַייכְט, בְּלוּמֶען וַואקְסְן, קִינְדֶערְלֶעךְ טַאנְצְן, וֵוייסְט מֶען אַז עֶר אִיז אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ. אָבֶּער אוֹיבּ מָאלְט עֶר אַ בִּילְד ווִי בִּנְיָנִים פַּאלְן אַיין, מֶענְטְשְׁן שְׁטֶעכְן זִיךְ, שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶענֶעס, אִיז עֶר אַ מָרָה שְׁחוֹרָה׳דִיגֶער

מֶענְטְשׁ. וַוייל יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז, דָאס מָאלְט עֶר אָפּ. קוּמְט אוֹיס אַז אֵיינֶער אִיז זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶעם מֹחַ זֶעהְט עֶר נָאר וַוייס, אוּן עֶר וֵוייסְט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער וִויל אַזוֹי, זָאל זַיין אַזוֹי.

אָבֶּער וִויבַּאלְד רוֹב מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זֵייעֶר פָּגוּם (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן לט) אוּן זֵייעֶר מֹחַ אִיז נִישְׁט גַאנְץ, וֶועגְן דֶעם אִיז זֵיי זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמְן דִי פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה, אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן עֶר אִיז מְחַיֶה אוּן מְהַוֶה דִי גַאנְצֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ, אוּן וָואס מֶען זֶעט, פֶעלְדֶער, בֵּיימֶער, חַיוֹת, מֶענְטְשְׁן. דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר. אַלֶעס אִיז אֵיין שְׁטִיק בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אָן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואלְט דָאס נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִיוּם אוֹיף קַיין אֵיין רֶגַע, וַוייל אַלֶעס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דִי בַּאשֶׁעפֶער אִיז אַלֶעס.

נָאר וִויבַּאלְד דָאס אִיז אַזוֹי פָּשׁוּט, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ק"א): "דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז פָּשׁוּט מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס פַּשְׁטוּת". אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל עֶס קֶענֶען אַרַיין

נֶעמֶען אִין זִיךְ, וַוייל דֶער טֶבַע פוּן אַ מֶענְטְש אִיז, אַז עֶר זוּכְט גְרוֹיסְקֵייט, עֶר וִויל עֶפֶּעס זֶעהְן, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא! אוּן עֶר אָטֶעמְט אֶלֹקוּת, אוּן דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר קֶען דָאס נִישְׁט כַאפְּן אִיז וַוייל עֶר זוּכְט הוֹיכֶע זַאכְן.

אוּן פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אוֹיךְ אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן קַשְׁיוֹת - רַחֲמָנָא לִצְלָן - אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זֶענֶען צוּבְּרָאכְן וִוי אַזוֹי קֶען דָאס זַיין? דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָאךְ מִיט אִים, בַּיי אִים, נֶעבְּן אִים, יֶעדֶע רֶגַע?! נָאר פוּן צוּפִיל לִיכְטִיגְקֵייט וֶוערְט צוּבְּרָאכְן דִי כֵּלִים, אוּן עֶר קֶען דָאס נִישְׁט פַארְנֶעמְן, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט גֶעוָואלְט זֶעהְן מוֹרָא׳דִיגֶער לֶעכְט וִויבַּאלְד עֶר זֶעהְט דָאס נִישְׁט וֶוערְט עֶר צוּבְּרָאכְן, אוּן זַיינֶע ׳כְּלֵי הַמּוֹחִין׳ כַאפְּן דָאס נִישְׁט.

אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, זֶעט עֶר שְׁטֶענְדִיג דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בַּיי יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקֵייט, אוּן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ. לְמָשָׁל וֶוען עֶר מַאכְט אַ בְּרָכָה אִיז עֶר דָאךְ דֶעמָאלְטְס מַזְכִּיר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס נָאמֶען, אוּן אַזוֹי בַּיי יֶעדְן

פְּרַט אוּן בַּיי יֶעדֶע מִצְוָה וְכוּ׳, שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנְט עֶר זִיךְ אוּן טְרֶעפְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

## ב.

וֶועגְן דֶעם אִיז דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט; נָאר אֱמוּנָה בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אָן קַיין חָכְמוֹת אוּן שֵׂכֶל. וָואס דֶעמָאלְטְס לֶעבְּט מֶען אַ גוּט אוּן אַ זִיס לֶעבְּן, (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן ל״ב, ל״ג) אָבֶּער אַז מֶען קְרִיכְט אַרַיין מִיט חָכְמוֹת אִין הַשְׂכָּלוֹת צוּ וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ מִיטְן שֵׂכֶל, דָאס הַרְגֶעט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז דֶער לֶעבְּן וֶוערְט אִים בִּיטֶער, אוּן עֶר דְרֵייט זִיךְ אַרוּם פִיל מִיט קַשְׁיוֹת, אוּן אַזוֹי שְׁטוּפְּט עֶר אַוֶועק דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וָואס אַלֶעס הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען פוּן זַיינֶע חָכְמוֹת. אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל נָאר פַּשְׁטוּת, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן שְׁפִּירְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא מִיט אִים.

וֶועגְן דֶעם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קכ״ג): אַז דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט

מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן זֵייעֶר גַאנְצֶע שֵׂכֶל אוּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה מִיט תְּמִימוּת אוּן פַּשְׁטוּת.

ג.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז אוֹיךְ לְגַבֵּי מְקוּרָב וֶוערְן צוּ אַ צַדִיק וָואס עֶר אִיז דָבוּק אִינְגַאנְצְן אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן זַיין גַאנְצֶער מֹחַ-מַחְשָׁבָה אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נָאר פוּן דֶעם רֶעדְט עֶר, אוּן דָאס אִיז זַיין גַאנְצֶע חַיוּת, צוּ אַזַא צַדִיק אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער מְקוּרָב צוּ וֶוערְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, אִיךְ הָאבּ וֶועןְ גֶעוָואלְט הֶערְן אַ גוּטְן פִּילְפּוּל וְכוּ׳, אָדֶער עֶפֶּעס הֶעכֶערְס וְכוּ׳, אָבֶּער אַז עֶר רֶעדְט סְתָּם פַּשְׁטוּת, אִיז דָאס נִישְׁט אִינְטֶערְסַאנְט אוּן דָאס אִיז גָארְנִישְׁט.

דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, וַוייל דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, הָאט גֶערֶעדְט סְתָּם פַּשְׁטוּת, אוּן עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים לוֹמְדִים עֲצוּמִים, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זי״ע וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ

מוֹרָא׳דִיגֶער לַמְדָן, און נָאךְ גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען לוֹמְדִים עַצוּמִים, דֶערְפַאר וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִין אָנְפַאנְג הָאבְּן זֵיי גֶעהַאט מוֹרָא׳דִיגֶע חַלִישׁוּת הַדַעַת.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט דֶעם סִיפּוּר וָואס הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זי״ע אִיז גֶעקוּמֶען דֶעם עֶרְשְׁטֶען מָאל צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, און עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מִדָה פוּן הֵיילִיגֶע גְבוּרָה און עֶר הָאט מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ. הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ גֶעזָאגְט דֶעם דִיבּוּר: עֶר זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס פַּאסִירְט זָאל עֶר זָאגְן: ׳זָאל זַיין אַזוֹי׳, דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת הָאט גֶעהַאט חַלִישׁוּת הַדַעַת און גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט פָארְן בִּיז אַהֶער, און בַּטְלֶ׳ן אַזוֹי פִיל צַייט, אִיךְ וָואלְט דָאךְ גֶעקֶענְט אַזוֹיפִיל צַאם לֶערְנֶען, עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ מִיט חַלִישׁוּת הַדַעַת, און עֶר אִיז צוּרִיק אַהֵיים גֶעפָארְן. נָאכְדֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּירְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַז מֶען הָאט אִים אַיינְגֶעלַאדְנְט אוֹיף אַ בְּרִית אִין אַ

גֶעווִיסֶע שְׁטָאט צוּ זַיין סַנְדָק, אוּן דֶעמָאלְטְס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן ווינְטֶער פִּיל מִיט שְׁנֵיי, הָאט עֶר גֶעשְׁפֶּעטִיגְט אוּן וִויבַּאלְד מֶען הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס וֶועט שׁוֹין נָאכְמִיטָאג, אוּן עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט דָא, אוּן בַּאלְד וֶועט שׁוֹין זַיין דִי שְׁקִיעָה, הָאט מֶען מְכַבֵּד גֶעוֶוען דֶעם רָב פוּן יֶענֶע שְׁטָאט מִיט דִי סַנְדְקָאוֹת, ווִי נָאר עֶר אִיז שׁוֹין גֶעזִיצְן מִיטְן קִינְד, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת, וָואס דֶעמָאלְטְס טָאר מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען דֶעם קִינְד פוּן דֶעם שׁוֹיס, אוּן וִויבַּאלְד עֶר הָאט גֶעהַאט גְבוּרָה דִקְדוּשָׁה הָאט דָאס אִים זֵייעֶר גֶעאַהְרְט אַז מֶען הָאט אִים נִישְׁט אוֹיסְגֶעוַוארְט מִיט דֶעם סַנְדְקָאוֹת (כָאטְשִׁיג מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן דָאס נִישְׁט).

שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען אִיז שׁוֹין גֶעזִיצְן בַּיים טִישׁ בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת אִיז גֶעזִיצְן אוֹיבְן אָן, אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען עֶפֶּעס אַ אָרִימַאן אוּן זִיךְ אַוֶועק גֶעזֶעצְט אוּנְטְן, אוּן דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֵייט גְלַייךְ צוּ אוּן עֶר פְרֶעגְט אִים: ווִילְסְט זִיךְ וַואשְׁן? עֶנְטְפֶערְט עֶר: זָאל זַיין אַזוֹי! עֶר וַואשְׁט זִיךְ אוּן מֶען גֶעבְּט אִים אַ

בּוּלְקֶע, און עֶר מַאכְט הַמוֹצִיא, פְרֶעגְט אִים דֶער בַּעַל הַבַּיִת: אִיר ווילְט אַ פָּארְצִיֶע פִּישׁ? זָאל זַיין אַזוֹי! אִיר ווילְט נָאךְ אַ פָּארְצִיֶע? זָאל זַיין אַזוֹי! און דֶער עוֹלָם הַאלְט אִים אִין אַיין צוּרִיקְן נָאךְ אַ פָּארְצִיֶע און אַזוֹי בַּיי דִי אִיבֶּערִיגֶע עֶסְן וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט צוּ עֶר דַארְף נָאךְ, הָאט עֶר אַלְץ גֶעעֶנְטְפֶערְט, זָאל זַיין אַזוֹי! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ גֶעלֶעכְטֶער, און מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ אִינְטֶערְגֶעהַאלְטְן אוֹיף זַיין חֶשְׁבּוֹן, אַזוֹי ווי דֶער סֵדֶר אִיז לֵיידֶער, און דֶער הֵיילִיגֶער תּוֹלְדוֹת זי״ע זִיצְט דָארְטְן אוֹיבְן אָן און עֶר הַאלְט אַלֶעס מִיט, און עֶר זֶעהְט ווי אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: זָאל זַיין אַזוֹי! הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ הָאט דָאס אִים אוּנְטֶערְגֶעשִׁיקְט, עֶר זָאל מִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אַז אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ דַארְף מֶען זָאגְן: זָאל זַיין אַזוֹי!

וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִים גֶעפְרֶעגְט: הָאסְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעלֶערְנְט?! בִּיז עֶר

אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים: אַז אִין הִימְל וֶועל אִיךְ זִיךְ בַּארִימֶען מִיט דֶעם 'יָאסֶעלֶע' וָואס אִיךְ הָאבּ צוּגֶעשְׁטֶעלְט.

עֶנְלִיךְ צוּ דֶעם הָאט אוֹיךְ פַּאסִירְט בַּיי דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי מִיכֶעלֶע זְלָאטְשׁוּבֶער זי"ע, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דָאס פַּארְצֵיילְט פַאר רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען .

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגֶען רֶבִּי'ן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, אוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע לַמְדָן נָאךְ פַּאר עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן וִויבַּאלְד דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן יוּנְג, (עֶר גֶעהַאט אַ קְלֵיינֶע בָּארְד מִיט צְוֵויי לַאנְגֶע פֵּיאוֹת), הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, וָואס טוּה אִיךְ דָא? עֶס אִיז אַ שָׁאד גֶעוֶועהְן דִי צַייט פוּן אַהֶער קוּמֶען, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה: וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מִיכְל זְלָאטְשׁוּבֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּם

בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל, אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאט גֶערֶעדְט, אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אִין גֶעדַאנְק, פַארְוָואס בִּין אִיךְ דָא אַהֶער גֶעקוּמֶען, אֶפְשָׁר אִיז עֶר אַ עַם הָאָרֶץ?! אַזוֹי וִוי עֶר אִיז הָאט דָאס מְהַרְהֵר גֶעוֶוען, כַאפְּט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ אָן דִי הַאנְט אוּן רוּפְט זִיךְ אָן: 'מִיכְל בִּיזְט אַן עַם הָאָרֶץ'! הָאט עֶר גֶעזֶעהְן אַז דָא כַאפְּט מֶען מַחְשָׁבוֹת. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְטְס גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אָן דִי הַאנְט פוּן רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרֵייט: 'מִיכְל בִּיזְט אַ עַם הָאָרֶץ'! אוּן הָאט דָאס אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט עֶטְלִיכֶע מָאל, הָאט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם ווּאוּנְק.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיפְן הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער לַמְדָן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד חָבֵר מִיטְן הֵיילִיגְן פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ, אוּן עֶר הָאט גֶעלִיטְן אוֹיפְן פִיס מוֹרָא'דִיגֶע יִסוּרִים, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אַסַאךְ מָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְטוּהְן דִי זָאקְן, זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען בֵּיידֶע לַמְדָנִים, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב

הַקָדוֹשׁ, אָבֶּער וִויבַּאלְד דֶער פְּנֵי יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעזֶעהְן, אַז דֶער מַגִיד וַואלְגֶערְט זִיךְ פוּן יִסוּרִים, הָאט עֶר אִים גֶ׳עֵצָה׳ט: אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זָאגְט אַז דָארְטְן זֶעהְט מֶען מוֹפְתִים, גֵיי דוּ אוֹיךְ אַהִין, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר דִיר גֶעבְּן אַ רְפוּאָה אוֹיף דִי פִּיס, אִיז עֶר אַהִין גֶעפָארְן, אוּן דָאס הָאט גֶענוּמֶען צְוֵויי וָואכְן, עֶנְדְלִיךְ אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען שָׁלוֹם, זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, אִיךְ וֶועל אֵייךְ פַּארְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה: אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ בַּעַל-עֲגָלָה עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַלֶעקְסִ״י, אֵיינְמָאל וֶוען אִיךְ בִּין גֶעפָארְן מִיט אִים אִינְמִיטְן וֶועג, שְׁרֵייט עֶר צוּ מִיר ׳אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג׳! אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרוֹיט אִים צוּ גֶעבְּן, אִינְמִיטְן קוּמְט צוּ גֵיין אַ גוֹי מִיט אַ זַאק בְּרוֹיט, אוּן אִיךְ הָאבּ אִים בַּאצָאלְט גֶעלְט, אוּן אַלֶעקְסִ״י הָאט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן. דֶער הֵיילִיגֶער מַגִיד הָאט נִישְׁט פַּארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ וִויל דָא, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט חַלִישׁוּת הַדַעַת וַוייל עֶר הָאט גֶעמֵיינְט עֶר וֶועט הֶערְן עֶפֶּעס מֶער.

דעם צווייטן טאָג איז ער נאָכאַמאָל געקומען צום בעל שם טוב הקדוש, און געטראַכט אפשר וועט ער הערן עפּעס אַ נייעם דיבור, פאַרציילט אים דער בעל שם טוב הקדוש: איך בין איינמאָל געפאָרן מיט אַלעקס״י און די פערד האָבן נישט געהאַט וואָס צו עסן, און מען האָט נישט געקענט ווייטער פאָרן, פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַ גוי, און געבּרענגט היי, האָבן שוין די פערד געהאַט וואָס צו עסן.

יעצט איז שוין דער הייליגער מגיד זייער צובּראָכן געוואָרן, און געטראַכט צו זיך: איך זיץ שוין דאָ צוויי טעג און איך הער נאָר מעשיות?! עס איז פּשוט ׳ביטול זמן׳, וואָס האָב איך דאָ צו זיצן, און ער זאָגט פאַר זיין בעל עגלה וואָס האָט אים געבּרענגט: נאָך היינט ביינאַכט פאָרט מען אַהיים, זאָגט אים זיין בעל עגלה: עס איז פאַרנעפּעלט אינדרויסן און איך האָב מורא צו פאָרן, פּלוצלינג זאָגט אים דער בעל עגלה, מען קען שוין פאָרן און ער האָט אָנגעהויבן איינצופּאַקן אַהיים צו פאָרן. דער בעל שם טוב הקדוש

הָאט דָאס מַרְגִיש גֶעוֶועןּ, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט דֶעם מְשָׁרֵת, עֶר זָאל גֵיין רוּפְן דֶעם מַגִיד צוּ זִיךְ.

וֶוען עֶר אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִינְמִיטְן נַאכְט, פְרֶעגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: אִיר קֶענְט לֶערְנֶען? זָאגְט עֶר יָא! פְרֶעגְט עֶר אִים: עֵץ חַיִים הָאט אִיר גֶעלֶערְנְט? זָאגְט עֶר יָא! זָאגְט דִי בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ, אַז מֶען זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם עֵץ חַיִים, אוּן עֶר גֶעבְּט אַ מִישׁ אוֹיף עֶרְגֶעץ, אוּן עֶר פְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן מַגִיד: אִיר קֶענְט מִיר זָאגְן דָא פְּשַׁט? זָאגְט עֶר: אִיךְ מוּז זִיצְן! אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁטֵיין. [וַוייל עֶר הָאט גֶעלִיטֶען אוֹיף דִי פוּס וְוִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט] אוּן זָאגְט אִים אַ גוּטְן פְּשַׁט, זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: נֵיין, דֶער פְּשַׁט אִיז נִישְׁט אַזוֹי. קוּקְט עֶר נָאכְאַמָאל אוּן זָאגְט: דֶער פְּשַׁט אִיז יָא אַזוֹי, זָאגְט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף דִי פִיס, אוּן קוּמְט וֶועט אִיר הֶערְן וְויאַזוֹי מֶען לֶערְנְט דָאס, [אִין דֶעם שְׁטִיקְל עֵץ חַיִים אִיז דָא שֵׁמוֹת פוּן מַלְאָכִים,] אוּן עֶר הֵייבְּט אִים אָן צוּ לֶערְנֶען, פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט אַזַא מִין לִיכְט דָארְט, אַז עֶר שְׁפִּירְט

אַז דִי מַלְאָכִים זֶענֶען דָא אוּן עֶר וֶועט פַארְבְּרֶענְט, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער מַגִיד אוּן פְרֶעגְט: אִיךְ קֶען שׁוֹין דָא בְּלַייבְּן מִיט אַייךְ? עֶנְטְפֶערְט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ: יָא! זָאגְט עֶר פַאר זַיין בַּעַל-עֲגָלָה, 'אִיר קֶענְט אַהֵיים פָארְן וַוייל אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין דָא', אוּן עֶר אִיז שׁוֹין טַאקֶע דָארְטְן גֶעבְּלִיבְּן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְקוּרָב גֶעוָוארְן.

דֶער לִימוּד פוּן דִי סִיפּוּרִים אִיז, אַז בַּיים בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אִיז מוֹרָא'דִיג חָשׁוּב דֶער פַּשְׁטוּת! צוּ זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: 'מֶען דַארְף אִין דֶער יוּגְנְט אַסַאךְ הָארֶעוֶוען אַז מֶען זָאל אוֹיף דֶער עֶלְטֶער זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער יוּד'. וַוייל דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה. אוּן אִין דֶעם פַּשְׁטוּת, לִיגְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע עַמְקוּת. וֶועגְן דֶעם בַּיי אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת הָאט מֶען נָאר גֶעזֶעהְן פַּשְׁטוּת, אוּן מֶען הָאט גֶעהַאט מוֹרָא'דִיגֶע קַשְׁיוֹת אוֹיף זֵיי.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ב): אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא קַשְׁיוֹת, אוּן אַזוֹי דַארְף עֶס צוּ זַיין, וַוייל ווִי אַזוֹי קֶען אַ מֶענְטְשׁ מִיט זַיין

קְלֵיינֶעם שֵׂכֶל פַארְשְׁטֵיין רוּחְנִיוּת?! אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אוֹיף אַ עֶרְלִיכֶען אִיד אִיז אוֹיךְ דָא קַשְׁיוֹת וַוייל עֶר אִיז זִיךְ מְבַטֵל אִינְגַאנְצֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. נָאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קיח): ווארויל אִיז דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן וֵוייסְט אַז אַזוֹי דַארְף עֶס צוּ זַיין.

וֶועגְן דֶעם אַז אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט נָאר פַּשְׁטוּת, הָאט עֶר אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן. אוּן עֶר קֶען זִיךְ מְחַזֵק זַיין, אוֹיף אַלֶעם וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אִים, אוּן עֶר וֶוערְט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן, וַוייל אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין דוּרְךְ גֶעפַאלְן, וֵוייסְט עֶר אַז עֶר קֶען תְּשׁוּבָה טוּהְן.

דָאס אִיז דִי מַתָּנָה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער. וָואס צוּ דֶעם דַארְף מֶען הָאבְּן אַ מוֹרָא׳דִיגֶער תְּמִימוּת, אוּן גְלֵייבְּן מִיט אַ פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, אוּן הֶערְט מִיר אוֹיס.

## אַ גוטער מָאלֶער

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קנד): אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אַסַאךְ צַדִיקִים אוּן זֵיי הָאבְּן מִיר אוֹיךְ גֶעזָאגְט אַז זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶר זַאךְ, נָאר דוּרְךְ דִי זַאךְ פוּן פְּרָאסְטַאק, דָאס הֵייסְט זֵיי הָאבְּן פָּשׁוּט גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן עח): דֶער דִיבּוּר אִיז אַזוֹי וִוי אַ מַאמֶע, וָואס גֵייט מִיט מִיטְן קִינְד, אֲפִילוּ אִין מְקוֹמוֹת הַמְטוּנָפִים אוּן וַואשְׁט אִים אוּן רֵיינִיגְט אִים אָפּ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דֶער דִיבּוּר, אַז אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, גֵייט דֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיט, מִיט-אִים, אוּן אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעפַאלְן אוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער, וֶועט עֶר זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט: (יִרְמְיָהוּ ל"א): 'מִידֵי דַבְּרִי בּוֹ זָכֹר אֶזְכְּרֶנוּ עוֹד'. אַז אִיךְ רֶעד צוּם בַּאשֶׁעפֶער וֶועל אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנֶען אִין אִים.

### ד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנ"ה): אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה וֶועט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס, אוּן וֶועט הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדֶע זַאךְ, אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד): אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים אִיז פַאר זַיין טוֹבָה, אִיז דָאס אַ בְּחִינָה פוּן מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, זֶעהְט עֶר אַז אַלֶעס אִיז גוּט. אָבֶער דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ אַרַיין צוּבְּרֶענְגְן אִין מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן ל"ה, וְסִימָן ר"כ): אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען זִיךְ דַארְפְן שְׁלָאגְן פַאר פְּשׁוּטֶע אֱמוּנָה.

מִיט דֶעם וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר כה, יא): **פִּנְחָס בֶּן אֶלְעָזָר וְכוּ' הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי**, בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דָאךְ נִישְׁט דָא קֵיין כַּעַס? נָאר דָאס אִיז תָּלוּי אִין דֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין, הָאט עֶר אַ רֵיינֶעם מֹחַ אִיז עֶר גֶעלַאסְן אוּן גֶעדוּלְדִיג, הָאט עֶר

נִישְׁט אַ רֵיינֶע מֹחַ וֶועט עֶר פוּן יֶעדֶע זַאךְ נֶערְוֶועז, אוּן יֶעדֶע זַאךְ רֶעגְט אִים אוֹיף, אוּן עֶר מֵיינְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז גֶערֶעגְט אוֹיף אִים.

חַזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט שִׁמְעוֹנִי פִּנְחָס רֶמֶז תשע"א): פִּנְחָס וֶועט זַיין אֵלִיָּהוּ. וָואס עֶר וֶועט מְבַשֵּׂר זַיין דִי גְאוּלָה. וִוי אַזוֹי וֶועט עֶר מְבַשֵּׂר זַיין דִי גְאוּלָה? זָאגְט דִי מִשְׁנָה (עֵדִיּוֹת פֶּרֶק ח, מִשְׁנָה ז): אֵלִיָּהוּ וֶועט נִישְׁט מְרַחֵק זַיין אָדֶער מְקָרֵב זַיין, נָאר עֶר וֶועט בְּרֶענְגְן שָׁלוֹם אוֹיף דֶער וֶועלְט. וָואס אִיז שָׁלוֹם? דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען (שַׁבָּת י:). דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ל"ג): אַ מֶענְטְשׁ דַארְף נָאכְזוּכְן עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אִידְן, אוֹיךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זֶעהְן עֶר זָאל זַיין שָׁלוֹם מִיט זִיךְ, דָאס הֵייסְט עֶר זָאל זַיין אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ. אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט, אִיז עֶר שׁוֹין נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיט זִיךְ, אוּן פַאנְגְט אָן מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, אוּן אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס דִי וֶועסְט אִים נָאר נִישְׁט גֶעבְן וֶועט עֶר נִישְׁט זַיין צוּפְרִידְן, אוּן שְׁטֶענְדִיג וֶועט עֶר זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז

אַנְדֶערֶע הָאבְּן מֶער, אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן נָאךְ וֶוייניגֶער פוּן אִים.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב זי״ע (קְדוּשַּׁת לֵוִי פַּרְשַׁת אֱמוֹר) הָאט גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים ד, ל״ט): 'בַּשָּׁמַיִם' מִמַּעַל, דָאס הֵייסְט בַּיי 'רוּחְנִיוּת', דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג קוּקֶען אוֹיף אַרוֹיף, אַז יֶענֶער לֶערְנְט מֶער פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן דָאס גְלַייכְן, (שָׁם): וְעַל 'הָאָרֶץ' מִתָּחַת, דָאס הֵייסְט 'בְּגַשְׁמִיוּת', דַארְף מֶען קוּקֶען אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן דָאס אוֹיךְ נִישְׁט.

חַזַ״ל בְּרֶענְגֶען (נְדָרִים נ.): אַז דִי וַוייבּ פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרִים, [אִיר טַאטֶע הָאט אִיר גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן, כָאטְשִׁיג עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, וַוייל זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַן עַם הָאָרֶץ, אוּן עֶר הָאט אִיר אָפְּגֶעשֵׁיידְט פוּן אַלֶע זַיינֶע פַארְמֶעגְנְס,] אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ קִינְד אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט שְׁלָאפְן אוֹיף שְׁטְרוֹי, וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בֶּעט, הָאט זִי גֶעהַאט חַלִּישׁוּת הַדַּעַת, הָאט אֵיינֶער אַרַיינְגֶעקְלַאפְּט [אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא]

און פַארְצֵיילְט, אַז זַיין וַוייבּ הָאט גֶעהַאט אַ קִינְד און גֶעבֶּעטְן: אֶפְשָׁר הָאט אִיר אַבִּיסְל שְׁטְרוֹי וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וואו אַרָאפּ צוּ לֵייגְן דִי בֶּעיבִּי?! הָאט רֶבִּי עַקִיבָא גֶעטְרֵייסְט זַיין וַוייבּ: זֶעהְסְט! דֶער אִיד הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין שְׁטְרוֹי, אוּנְז הָאבְּן כָאטְשִׁיג שְׁטְרוֹי.

דִי גְמָרָא זָאגְט (חולין ס:): וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט זֶענֶען דִי זוּן מִיט דִי לְבָנָה גֶעוֶוען אֵיינִיג, הָאט דִי לְבָנָה מְקַטְרֵג גֶעוֶוען: אִי אֶפְשָׁר לִשְׁנֵי מְלָכִים שֶׁיִשְׁתַּמְשׁוּ בְּכֶתֶר אֶחָד. הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קְלֶענֶער גֶעמַאכְט, זָאגְט דִי לְבָנָה: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעזָאגְט אַ גוּטֶע עֵצָה גֵייסְטוּ מִיר מַאכְן קְלֶענֶער"? הָאט מֶען אִים גֶעגֶעבְּן דִי שְׁטֶערְנְס אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן. אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּארְדִיטְשׁוּבֶער רָב דָאס מַסְבִּיר: מֶען הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי שְׁטֶערְנְס צוּ וַוייזְן אַז עֶס זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען קְלֶענֶער וִוי דִיר, מְמֵילָא הָאבּ נִישְׁט קַיין חַלִישׁוּת הַדַעַת.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אִיז קִנְאָה. און וִויבַּאלְד דִי אִידְן זֶענֶען דָא לֵיידֶער אַרֵיינְגֶעפַאלְן

אִין נִיאוּף – רַחֲמָנָא לִצְלָן – מִיט דִי בְּנוֹת מוֹאָב, דוּרְךְ דִי עֵצָה פוּן בִּלְעָם, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן פְּעוֹר, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן אוּמְצוּפְרִידְן, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעפַאנְגֶען מְקַנֵא צוּ זַיין אַ צְוֵוייטְן, אוּן אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין כַּעַס, וֶועגְן דֶעם אִיז פִּנְחָס גֶעקוּמֶען אוּן אוֹיסְגֶערִיסְן דָאס נִיאוּף, אוּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט מֶען זָאל נִישְׁט מְקַנֵא זַיין אַ צְוֵוייטְן, מְקַנֵא זַיין זָאל מֶען נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. (עַיֵין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רע"ח), דָאס הֵייסְט מֶען זָאל שׁוֹין נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, נָאר וֶועלְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, בְּמֵילֶא אִיז מֶען שׁוֹין צוּפְרִידְן, אוּן מֶען אִיז מֶער נִישְׁט אִין כַּעַס. וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

**~תַּם וְנִשְׁלַם, שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~**

# אַ שֵׁיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע תְּפִלָּה

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוָואלְט פַּאר דִיר זִינְדִיגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, נָאר קוּק וָואס הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּ דֶעם.

(אשר בנחל חלק ב׳ מכתב קפ״א)

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס הָאבּ אִיךְ שְׁלֶעכְטֶס גֶעטוּן? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן! רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם פַּארְגֶעבּ מִיךְ מַיינֶע זִינְד וָואס אִיךְ הָאבּ פַּאר דִיר אַזוֹי פִּיל גֶעזִינְדִיגְט

(אשר בנחל חלק א׳ מכתב כה)

בעזהשי"ת

## קונטרס

# עס וועט זיין גוט

וואס דאס איז א וואונדערליכע שיעור, געזאגט געווארן דורך

## כבוד קדושת הרב הצדיק מוהרא"ש שליט"א

אריינצוברענגען אין אונז די ריינע און קלארע אמונה אין באשעפער,
ווי אויך עצות און התחזקות וויאזוי אדורך צו גיין דעם לעבן בשלום.

## פרשת מטות מסעי תשע"ב

געבויעט און באגרינדעט אויף די ווערטער פון אונזער הייליגער און פארכטיגער רבי,
דער באהאלטענע ליכטיגקייט, דער הייליגער הויכער ליכט, אדוננו, מורינו ורבינו

## רבי נחמן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און אויף די ווערטער פון זיין תלמיד, מורינו הגאון הקדוש, א וואונדערליכע ליכט,
וואס קיין שום באהעלטעניש איז נישט פארהוילן פון איהם,

## רבי נתן מברסלב, זכותו יגן עלינו

און עס איז צוזאמגעפלאכטן מיט פסוקים פון תורה, נביאים, כתובים, און מאמרים
פון אונזערע הייליגע חכמים פון גמרא און מדרשים און הייליגן זוהר.

עס איז געברענגט געווארן צום דרוק
דורך חסידי ברסלב - נוא יארק יצ"ו

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי-רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ פוּן לִיזֶענְסְק זי״ע הָאט גֶעזָאגְט, וֶוען אַ אִיד גֶעוואוינְט זִיךְ צוּ, צוּ דֶערְמַאנֶען דִי נִסִים וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הָאט מִיט אִים שׁוֹין גֶעטוּהְן, דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זֶעהְן אַז עֶס וֶועט גֶעטוּהְן וֶוערְן מִיט אִים נָאךְ נִסִים.

אִיבֶּערְדֶעם בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט קֵיין בַּטְלָן, הֶער אוֹיף צוּ וֵויינֶען אוּן צוּ זִיךְ בַּאקְלָאגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, הֵייבּ שׁוֹין אָן צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זַיי מְחַזֵק יֶעדְן אִיד, וָואס דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה, אֲפִילוּ אוֹיף דִיר גֵייט דוּרְךְ וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ, זֶעה מְחַזֵק צוּ זַיין אַנְדֶערֶע, וֶועסְטוּ אוֹיכֶעט הָאבְּן הִתְחַזְקוּת.

(אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ חֵלֶק ג׳ מִכְתָּב שכ״ד)

# עֶס וֶועט זַיין גוּט

### א.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נב): **מִכָּל הַדְּבָרִים צוֹעֵק כָּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ!** פוּן יֶעדֶע זַאךְ שְׁרֵייט אַרוֹיס דֶער כָּבוֹד פוּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוידֶערְאוּם זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נד): אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז זִיךְ מְצַמְצֵם פוּן **אֵין סוֹף** בִּיז אֵין **תַּכְלִית** אוּן עֶר אִיז מְרַמֵּז יֶעדְן מֶענְטְשׁ רְמָזִים וִוי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אִים. דָאס הֵייסְט אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן: אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין

שׁוּם מְצִיאוּת אוֹיסֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַלֶעס װָאס עֶר זֶעהְט, אוּן הֶערְט, אוּן שְׁפִּירְט, אוּן גֵייט, אַלֶעס אִיז נָאר גֶעטְלִיכְקֵייט.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ זי״ע הָאט גֶעזָאגְט (כֶּתֶר שֵׁם טוֹב, סִימָן שצה): **אַלֶעס אִיז אֱלֹקוּת, אוּן אֱלֹקוּת אִיז אַלֶעס.** אוּן דָאס זָאגְן מִיר יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען: (סֵדֶר תְּפִלַּת הַשַּׁחַר) **אַתָּה הוּא אֶחָד קוֹדֶם שֶׁבָּרָאתָ הָעוֹלָם, וְאַתָּה הוּא אֶחָד מִשֶּׁבָּרָאתָ הָעוֹלָם.** - דוּ בַּאשֶׁעפֶער בִּיסְט אֵיינֶער אַלֵיין פַאר דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן דִי װֶועלְט אוּן דוּ בִּיסְט אֵיינֶער אַלֵיין נָאכְדֶעם װָאס דוּ הָאסְט בַּאשַׁאפְן דִי װֶועלְט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן נא): **אִין אֱמֶתְ׳ן אִיז נִישְׁטָא קַיין חִילוּק פַאר דִי װֶועלְט בַּאשַׁאפוּנְג אוּן נָאךְ דִי װֶועלְט בַּאשַׁאפוּנְג,** שְׁטֶענְדִיג אִיז אַלֶעס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נָאר װָאס דֶען? פַאר דִי בְּרִיאָה אִיז אַלֶעס גֶעוֶוען אֵין סוֹף, אוּן דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד אִיז גֶעוֶוען אִין הִימְל, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן: (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה א, סִימָן ד): **זֶעקְס זַאכְן זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען פַאר דִי װֶועלְט, אֵיינֶע פוּן זֵיי, אִיז דִי**

נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד. וָואס דָאס אִיז אַ 'חֵלֶק אֱלוֹקֵי מִמַעַל' אָבֶּער ווִי נָאר עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ 'בְּרִיאָה' אִיז שׁוֹין דָא אַ הֶפְרֵשׁ, וֶועגְן דֶעם דַאכְט זִיךְ שׁוֹין, אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ זַאכְן אוֹיסֶערְן אֵייבֶּערְשְׁטְן חָלִילָה, אוּן אַז דֶער דֶער וֶועלְט אִיז אַ זַאךְ פַּאר זִיךְ, אָפְּגֶעטֵיילְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס פוּן דֶעם קוּמְט אַלֶע כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוֹת, בִּיז עֶס אִיז פַארְהַאנֶען מֶענְטְשְׁן וָואס לֵייקֶענֶען אַלֶעס, בְּשָׁעַת יֶעדֶע מִינוּט אוּן יֶעדֶע סֶקוּנְדֶע גֶעט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָאס לֶעבְּן, אוּן אַלֶעס וְכוּ', נָאר דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט דָאס גוּטְס וָואס דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים טוּט מִיט אִים, בִּפְרַט אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים אִיבֶּער אַסַאךְ צָרוֹת, פַּארְרֶעדְט עֶר זִיךְ נֶעבֶּעךְ קֶעגְן בַּאשֶׁעפֶּער חָלִילָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד): **כְּשֶׁאָדָם יוֹדֵעַ שֶׁכָּל מְאוֹרְעוֹתָיו הֵם לְטוֹבָתוֹ**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ אִיז פַּאר זַיין טוֹבָה וֶועגְן, אוּן סֵיי וֶוען עֶס אִיז הַוַיָ"ה וָואס דָאס אִיז רַחֲמִים, דָאס הֵייסְט עֶס גֵייט אִים גוּט, אוּן סֵיי וֶוען עֶס אִיז אֱלֹקִים, עֶס גֵייט אוֹיף

אִים אִיבֶּער בִּיטֶערֶע צָרוֹת, אִיז עֶר זִיךְ מְחַזֵק, און וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיז דָא, און אַלֶעס קוּמְט פוּן אִים, און דַאנְקְט אִים, דָאס אִיז עוֹלָם הַבָּא. דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ עֶר אִיז שׁוֹין דָא אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס דָאס אִיז 'אַחַר הַבְּרִיאָה', וָואס מֶענְטְשְׁן לֵייקֶענֶען שְׁטֵיין און בֵּיין, מֶען גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין גָארְנִישְׁט, און מֶען קוּמְט אִים פְרֶעגְן: וְוִיאַזוֹי זָאגְסְטוּ עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים?! קוּק וָואס עֶס גֵייט דִיר אִיבֶּער! קוּק וָואס דוּ לַיידְסְט! דָאךְ וֵוייסְט עֶר, אַז עֶס אִיז דָא אַ בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, און וָואס עֶר טוּט אִיז גוּט! דֶעמָאלְטְס לֶעבְּט עֶר אִין עוֹלָם הַבָּא. וַוייל אֲפִילוּ דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, וֵוייסְט עֶר אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, און דֶער בַּאשֶׁעפֶּער פִירְט אַלֶעס, אָבֶּער אַז עֶר קֶען דָאס נִישְׁט אַרַיין נֶעמֶען אִין זִיךְ, דֶעמָאלְטְס אִיז אִים בִּיטֶער, און עֶס אִיז בַּיי אִים דָא אַ חִילוּק, צְווִישְׁן 'עוֹלָם הַזֶה' און 'עוֹלָם הַבָּא'.

וֶועגְן דֶעם דַארְף אַ מֶענְטְש זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט יָא, און מוֹדֶה זַיין אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶּער גֶעט אִים דָאס

אַלֶעס, און אַז עֶר הָאט צוּ עֶסְן, אִיז דָאס דֶער ׳מָן׳. און אַז עֶר הָאט צוּ טְרִינְקֶען, אִיז דָאס דֶער ׳בְּאֵר׳. און אַז עֶר הָאט קְלֵיידֶער זִיךְ אָנְצוּטוּהְן, אִיז דָאס דִי ׳עֲנָנֵי הַכָּבוֹד׳. וַוייל דִי אַלֶע זַאכְן גֶעט אוּנְז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הַיינְט אוֹיכֶעט, נָאר מִיר כַאפְּן זִיךְ נִישְׁט, און מִיר שְׁפֵּייעֶן צוּרִיק כַּבְיָכוֹל דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַנְשְׁטָאט אִים צוּ גֶעבְּן אַ דַאנְק, און זָאגְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַאנְק דִיר און אִיךְ לוֹיבּ דִיר, אַז דִי הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן און צוּ טְרִינְקֶען און קְלֵיידוּנְג אָנְצוּטוּהְן. וָואס אוֹיף דֶעם אַלֶעם הָאבְּן חַזַ״ל מְתַקֵּן גֶעוֶוען בְּרָכוֹת, בִּפְרַט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן וָואס דָאס אִיז שׁוֹין מִן הַתּוֹרָה (בְּרָכוֹת כא.).

עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, ריח.): אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל בֶּענְטְשְׁן מִיט אַ שִׂמְחָה, און דֶער חִידָ״א (נִצּוּצֵי אוֹרוֹת שָׁם): לֶערְנְט אַרוֹיס פוּן דֶעם זוֹהַר, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּענְטְשְׁט מִיט אַ שִׂמְחָה, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט עֶר אַ עוֹשֶׁר, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (מִשְׁלֵי י, כב): בִּרְכַּת הַוַיָ״ה הִיא תַעֲשִׁיר. און מֶען דַארְף טַאקֶע זֶעהְן צוּ בֶּענְטְשְׁן נָאר אִין אַ סִידוּר, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי

זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן יז): אַז נָאכְן עֶסְן וֶוערְט אַ מֶענְטְש אַבִּיסְל צוּמִישְׁט. און עֶר וֶועט אוֹיסְלָאזְן אַ בְּרָכָה.

## ב.

דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ בַּיי אַ רֶבִּי מִיט אַ תַּלְמִיד, אִיז דֶער עִיקָר מַעְלָה און שְׁלֵימוּת פוּן דֶער תַּלְמוּד, אַז עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר פַארְמָאגְט אִיז נָאר פוּן זַיין רֶבִּי'ן.

און דָאס גֶעפוּנֶען מִיר בַּיי יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן, וָואס כָּאטְשִׁיג עֶר הָאט אַזוֹיפִיל מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ, הָאט עֶר זִיךְ גֶערוּפְן "מְשָׁרֵת משֶׁה" (בַּמִדְבָּר יא, כח), אִיךְ בִּין נִישְׁט מֶער וִוי אַ מְשָׁרֵת בַּיי משֶׁה. און וִוידֶער משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ אַלְץ גֶערוּפְן "**עֶבֶד הַשֵּׁם**" (יְהוֹשֻׁעַ א, א), עֶר דִינְט און אִיז כַּבְיָכוֹל אַ קְנֶעכְט בַּיים בַּאשֶׁעפֶער. [דֶער הֵיילִיגֶער 'בֶּן אִישׁ חַי' זי״ע הָאט גֶעהַאט אַ רֶבִּי וָואס עֶר הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי עַבְדַאלַלה סוֹמֵךְ, זֵכֶר צַדִיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, (בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר שׁוּ״ת זִבְחֵי צֶדֶק אוֹיף יוֹרֶה דֵעָה). עֶס אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ

וואוּנְדֶער דֶעם נָאמֶען וַוייל עֲבְדַאלַלה אִיז אַן אַרַאבִּישֶׁע נָאמֶען, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהְן שְׁטֵיין אַז זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם נָאמֶען וָואס אִיז דִי וֶוערְטֶער עֶבֶד-אֵל, אַ קְנֶעכְט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער.]

דָאס זֶעהְן מִיר אוֹיךְ בַּיי 'אֱלִיעֶזֶר עֶבֶד אַבְרָהָם', וָואס כָּאטְשׁ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט צֶען קֶעמְלֶען אוּן מִיט אַ גְרוֹיסֶע עַשִׁירוּת, הָאט עֶר קוֹדֶם גֶעזָאגְט לָאזְט מִיר רֶעדְן, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ הָאט עֶר אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ זָאגְן: **עֶבֶד אַבְרָהָם אָנֹכִי!** (בְּרֵאשִׁית כד, לד) אִיךְ בִּין אַבְרָהָם'ס קְנֶעכְט. דֶערְפַאר וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן **דַמֶשֶׂ"ק אֱלִיעֶזֶר** (בְּרֵאשִׁית טו, ב), אַזוֹי וִוי חַזַ"ל דַרְשֶׁ'נֶען (יוֹמָא ח:): **דוֹלֶה וּמַשְׁקֶה מִתּוֹרַת רַבּוֹ לְאַחֵרִים**, עֶר הָאט אָנְגֶעשֶׁעפְּט אוּן גֶעגֶעבְּן צוּ טְרִינְקֶען פוּן זַיין רֶבִּי'ס תּוֹרָה פַאר אַנְדֶערֶע. וַוייל אַ תַּלְמִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג מוֹדֶה זַיין אַז אַלֶעס וָואס עֶר וֵוייסְט אוּן רֶעדְט, אִיז אַלֶעס פוּן זַיין רֶבִּי, אוּן עֶר אִיז נָאר גֶעגְלִיכְן צוּ אַ טֶעְי"פּ רֶעקָארְדֶע"ר, וָואס רֶעדְט אִיבֶּער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט.

דָאס גֶעפּוּנְט מֶען אוֹיךְ בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל מִיטְן גְרֶעסְטְן מְסִירוּת נֶפֶשׁ וָואס עֶס קֶען נָאר זַיין. חַזַ״ל זָאגְן (מְנָחוֹת סה.): 'מֹשֶׁה אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל הָיָה' מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט לִיבּ גֶעהַאט יֶעדְן אִיד. און זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר יֶעדְן אִיד, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין חֵלֶק אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרַיינְקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל עֶר הָאט גֶערֶעדְט שְׁטְרֶענְגֶע וֶוערְטֶער פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, און גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ה, כב): 'לָמָה הֲרֵעוֹתָה לָעָם הַזֶה' פַארְוָואס הָאסְטוּ שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּעֶן פַאר דִי אִידְן?! פוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען, טוּט פַּרְעֹה נָאךְ מֶער צָרוֹת פַאר דִי אִידְן!. עֶס הָאט אִים גָארְנִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט, נָאר אַז פַאר דִי אִידְן זָאל זַיין גוּט. הָאט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת ו, א): 'עַתָּה תִרְאֶה אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה לְפַרְעֹה' יֶעצְט וֶועסְטוּ זֶעהְן וָואס אִיךְ וֶועל טוּעֶן פַאר פַּרְעֹה. אָבֶער דוּ וֶועסְט נִישְׁט זֶעהְן וָואס אִיךְ וֶועל טוּעֶן פַאר דִי זִיבְּן פֶעלְקֶער וֶוען דִי אִידְן וֶועלְן אַרַיינְקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (עַיֵין בְּרַשִׁ״י שָׁם). און

דָא אִיז עֶר שׁוֹין בַּאשְׁטְרָאפְט גֶעוָוארְן. נָאכְדֶעם הָאט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט מוּסָר (שְׁמוֹת ו, ב): **וָאֵרָא אֶל אַבְרָהָם** וְגוֹ׳. אִיךְ הָאבּ זִיךְ בַּאוִויזְן צוּ אַבְרָהָם צוּ יִצְחָק אוּן צוּ יַעֲקֹב **בְּאֵל שַׁדַּ״י** מִיטְן גְרֶעסְטְן מִדַּת הַדִּין, אוּן פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט מְהַרְהֵר גֶעוֶוען. דָאךְ שְׁטֵייט נִישְׁט אַז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַאר בַּאשֶׁעפֶער, וַוייל עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

פוּן דֶעסְטְוֶועגְן כָאטְשׁ דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא רֶבִּי׳ן, וָואס הָאט זֵיי אַזוֹי לִיבּ גֶעהַאט, אוּן זִיךְ אַזוֹי מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר זֵיי, דָאךְ הָאבְּן דָתָן וַאֲבִירָם נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן יֶעדֶעס מָאל נָאכְאַמָאל גֶעפַּיינִיגְט אוּן גֶע׳רוֹדֶפְ׳ט, בִּיז וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען בַּיי ׳הַכָּאַת הַצּוּר׳ - שְׁלָאגְן דֶעם פֶעלְזְן שְׁטֵיין (בַּמִּדְבָּר כ), אוּן דֶער שְׁטֵיין הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע פֶעלְזְן שְׁטֵיינֶער, הָאבְּן דִי זֶעלְבֶּע צְוֵויי שְׁקָצִים דָתָן וַאֲבִירָם גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: אֶפְשָׁר דַארְף מֶען שְׁלָאגְן דֶעם שְׁטֵיין, אָדֶער דֶעם שְׁטֵיין? דָא הָאט זִיךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט

אַיינְהַאלְטְן, און הָאט זֵיי גֶעזָאגְט (בַּמִּדְבָּר כ, י): **שִׁמְעוּ נָא הַמּוֹרִים!** זָאגְט רַשִׁ״י פוּנֶעם מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה פַּרְשָׁה יט, סִימָן ט): **מוֹרִים אֶת מוֹרֵיהֶם.** אִיר לֶערְנְט מִיר וָואס צוּ טוּהְן?! אִיךְ בִּין דָאךְ עֶנְקֶער רֶבִּי! אוֹיךְ זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (שָׁם): **מוֹרִים,** אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן שׁוֹטִים. וַוייל דָאס צוּ טוּהְן אִיז דַאךְ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע נַארִישְׁקֵייט.

און מֶען קֶען דָאס זֶען בְּגַשְׁמִיוּת אוֹיכֶעט, בַּיי אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֶעבְּט צוּ עֶסְן פַּאר אַנְדֶערֶע מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט, עֶר גְרֵייט אָן אַ טֶעלֶער זוּפּ, אַ טֶעלֶער פְלֵיישׁ, מִיט אַלֶע מַעֲדַנִּים, און אַ מֶענְטְשׁ עֶסְט, און בְּשָׁעַת׳ן עֶסְן זִיצְט עֶר און רֶעדְט כָּל דָבָר אָסוּר אוֹיף דֶעם וָואס הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי עֶסְן. דָאס אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער בּוּשָׁה! דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט? דֶער לֶעפְל אִיז נִישְׁט דַיינְס, דֶער טֶעלֶער אִיז נִישְׁט דַיינְס, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט דִי זוּפּ און דִי פְלֵיישׁ און דִי אַלֶע בַּא׳טַעמְ׳טֶע צוּשְׁפַּייזְן וָואס לִיגְט אַרוּם דִי פְלֵיישׁ אִיז נִישְׁט דַיינְס, און דִי זִיצְט און עֶסְט און דִי רֶעדְסְט כָּל

דָבָר אָסוּר, אוֹיף דֶעם וָואס הָאט דִיר דָאס אַלֶעס גֶעגֶעבְּן?!

[פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַוַודַאי אַז מֶען דַארְף נִישְׁט קוּקֶען אוֹיף דֶעם, אוּן וֶוער עֶס וִויל טוּהְן חֶסֶד אִיז דָאס דֶער גְרֶעסְטֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי וִוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעט פַּארְן מֶענְטְשׁ אַלֶעס גוּטְס, כָאטְשׁ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפֵּייט רוֹב מָאל צוּרִיק אוּן הָאט טַעֲנוֹת וְכוּ׳, גֶעט דֶער בַּאשֶׁעפֶער נָאךְ אַלְץ, דֶער זֶעלְבֶּע דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיךְ אַזוֹי זַיין.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ ׳בֵּית הַתַּבְשִׁיל׳ אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע קְהִילָה יַבְנְאֵל עִיר בְּרֶסְלֶב, אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וָואס מֶען קֶען קוּמֶען עֶסְן פוּן אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ וָותִיקִין, בִּיז בַּיינַאכְט, יֶעדֶער וָואס אִיז הוּנְגֶערִיג אוּן דוּרְשְׁטֶערִיג, וִוי עֶס וֶוערְט פַּארְטֵיילְט נָאנְט צוּ טוֹיזֶענְט פָּארְצִיעֶס, אָן קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד פַאר וֶועמֶען, דִי אוֹיפְטוּהּ דֶערְפוּן אִיז, אַז דֶער וָואס הָאט טַאקֶע נִישְׁט, זָאל זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, אוּן הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם וָואס צוּ עֶסְן, אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, וַוייל בַּיי יֶעדֶע צְדָקָה קֶען אַ

מֶענְטְשׁ אוֹיסְפָּאפְּן, חַזַ"ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא ט.): אֵין בּוֹדְקִין לִמְזוֹנוֹת, אַז אֵיינֶער בֶּעט עֶסְן, פְּרֶעגְט מֶען זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, צוּ עֶר דַארְף טַאקֶע צוּ נִישְׁט, נָאר מֶען גֶעט אִים, וַוייל אַז עֶר אִיז נִישְׁט הוּנְגֶערִיג וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען עֶסְן].

ג.

קוּמְט אוֹיס אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ אִיז אֶלֹקוּת, אוּן אַלֶעס אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר שִׁיקְט מִיר רְמָזִים אוֹיף יֶעדֶע פְּרַט, אִיךְ דַארְף עֶס נָאר הֶערְן. וָואס דָאס הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט אַ יְסוֹד אִין לֶעבְּן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל וִויסְן אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הֶערְט, אוּן עֶר זֶעהְט, זָאגְט מֶען אִים מוּסָר.

